STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03915

FASHIZM UN ANTISEMITIZM IN AMERIKE

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ. נאָוויק:

פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע

•

פֿאַרלאַג פֿון דער אידישער ביוראָ
באַם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי
פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן

ניו־יאָרק, 1934

טיראַזש 5,000

●

פּרייז 10 סענט

490
Astoria Press, 61 E. 4th St., New York

1. דער פֿאַשיסטישער פֿאַראַד

דזשייקאָב שיף און . . . די רוסישע רעוואָלוציע

אין די ניו־יאָרקער סאָבוועיס (אונטערגרונט־באַנען) האָט מען צום סוף 1933 פֿאַרשפּרייט „אַ קורצן סך־הכּל פֿון דער אַרבעט פֿון דעם זילבערנעם לעגיאָן" (סילווער לידזשיאָן). האָט זיך דאָרטן גערעדט וועגן 40 מיליאָן איינוואוינער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע לעבן אונטערן סטאַנדאַרד, אַף רעליף, אַף צדקה, פֿירן אַ הונגער־עקזיסטענץ. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז שולדיק זיינען די פעדעראַלע רעזערוו־בענק, וועלכע ווערן קאָנטראָלירט „90 פּראָצענט פֿון אידן". און דאָ איז דערציילט געוואָרן, וואָס „דער זעלביקער עלעמענט" (אידן) האָט אויפגעטאָן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד:

„מיליטערישע אויספֿאָרשער האָבן אַנטפּלעקט, אַז אַ מיליאָן מיט 670 טויזנט רוסן — קריסטן, אַזוי ווי איר — זיינען דערמאָרדערט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי, כּדי די סאָוועטישע מלוכה זאָל געשאַפֿן ווערן. דר. דזשאָרדזש ר. סימאָנס, אַ מעטאָדיסטישער גלח, וועלכער האָט אין משך פֿון פֿיל יאָרן פֿאַרוואַלטעט מיט אַ קירכע אין מאָס־קווע, האָט באַשטעטיקט, אַז דער סאָוועטישער רעזשים איז צונויפֿגעשטעלט פֿון 16 רוסן און 371 אידן. סיי ענגלישע און סיי אַמעריקאַנישע אַגענטן האָבן באַריכטעט, אַז לעניִנס אויפֿטו צו עטאַבלירן קאָמוניזם אין רוסלאַנד איז פֿינאַנסירט געוואָרן פֿון דזשייקאָב שיף, אַ איד, פֿון דעם באַנקירן־הויז קון לאָעב און קאָמפּאַני פֿון ניו־יאָרק.

„היטלער פֿאַרשטייט אויסגעצייכנט די פֿאַרבינדונג צווישן קאָמוניזם און די פֿינאַנץ־עלעמענטן צווישן די אידן, און ער ווערט פֿאַרלוימדעט דאָ אין לאַנד צוליב דעם, וואָס די אידן זיינען אַנטשלאָסן, אַז דער נאַקעטער אמת וועגן זייער קאָנ־ספּיראַציע זאָל ניט באַוואוסט ווערן".

און מען דערציילט, אַז די אידן קאָנטראָלירן 65 פּראָצענט פֿון דעם פֿאַרמעגן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַז באָלשעוויזם איז אַ אידישער ענין, אַז די טרעזשורי (קאַסע) פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז צערויבט געוואָרן פֿון די אידישע פֿינאַנסירן אַף אַ סומע פֿון פֿיל ביליאָן דאָלאַרן, אַז דער איד בערנאַרד מ. באַרוך איז „די אַנטשיידנ־דיקע מאַכט אין אידנטום אין אַמעריקע" און דער אמת'ער קאָפּ פֿון

דער נ.ר.א.*) און מ׳גייט ווידער איבער צו דער שלעכטער לאַגע פון גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד. ס׳פאַרמאַכן זיך בענק, עס ווערן אַנולירט פאַרזיכערונגס־פּאָליסים, מענטשן פאַרלירן זייערע וואוינונגען, זייערע פאַרמס. און דאָס איז אַלץ אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרשווערונג „צו ברענגען אַן אומגליק אויף אַלע קריסטן".

אָט דאָס איז נאָר איין מוסטער פון די פּראָפּאַגאַנדע־פאָרמען פון דעם אויפקומענדיקן פאַשיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

באַקאַנטע פאָרמען. די אַנטי־קאָמוניסטישע און אַנטיסעמיטישע אַרבעט, וואָס שטייט צום דינסט פון קאַפּיטאַליזם, די שלאַגנגען־אַרבעט פון אַ היטלער. אין „סך־הכל פון דער אַרבעט פון זילבערנעם לע־גיאָן" דערמאָנט מען אָפּט היטלערן און זיין „פאַרשטענדניש" פאַר דעם „פאַרבאַנד" צווישן „קאָמוניסטן און באַנקירן". די פאָרמען פון דער פרעכער, אידיאָטישער און בלוטיקער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע אין דייטשלאַנד זיינען איבערגעטראָגן געוואָרן מיט האַק און פּאַק קיין אַמעריקע.

איבער הונדערט פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס

ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן וואַקסן איצט די פאַשיסטישע אָר־גאַניזאַציעס אין אַמעריקע. טייל „נעמען" זיך אָן, אַנדערע עקזיס־טירן בלויז אַ קורצע צייט, גאָר אַנדערע שטאַרבן באַלד בײַ זייער געבורט. אָבער די אָרגאַניזאַציעס וואַקסן און מערן זיך, און צום אָנהויב 1934 האָבן זיי געציילט העכער הונדערט.

עס לעבן נאָך די רעשטלעך פון דעם אַלטן קו־קלוקס־קלען, וועלכער האָט אין דער קריזיס־צייט פון 1921-22 זיך אַנטוויקלט ביז אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ פּאָר מיליאָן. אין פיל ערטער לעבן נאָך קו־קלוקס־גרופּן און טוען זייער אַרבעט. דער נאָמינעלער צענטער פון קלען (חברה) איז נאָך אַלץ אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, וואו עס גייט אַרויס די מאָנאַטשריפט פון קלען, „קוריער", אָבער צום שטאַרקסטן איז דער קלען טעטיק אין אָקלאַהאָמאַ און קאַליפאָרניאַ. אויך אין אַנדערע שטאַטן, איינגעשלאָסן ניו־יאָרק, ניו־דזשוירזי, לאָזט ער זיך פילן, אויף אַ לאָקאַלן שטייגער, ספּעציעל אין די קלענערע שטאַטן. עס איז ניט קיין נייס, אַז עס זאָל זיך דאָ אָדער דאָרטן באַווייזן אַן אָנגעצונדענער צלם.

דער קו־קלוקס־קלען שטייט אין פריינטלעכע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און מיט די נאַצים. ער פאַר־מאָגט אָבער ווייט ניט זיין אַמאָליקע מיטגלידערשאַפט, וועלכע איז געוועזן אַזוי הויך ווי אַ פּאָר מיליאָן. די „סילווער שוירטס" (זיל־בערנע העמדלעך) און אַנדערע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס זוכן אַריינצוציען אין זייערע רייען די געוועזענע קו־קלוקסערס און בכלל עלעמענטן, וואָס קאָנען באַנוצט ווערן אַלס טייג פאַרן פאַשיזם.

---

*) נ.ר.א. — „נעשאָנעל ריקאָווערי אדמיניסטריישאָן", נאַציאָנאַלע דערהאָלונג־אַדמיניסטראַציע, וואָס פירט דורך די רוזוועלט־פּראָגראַם.

מיר װעלן אויסרעכענען נאָר אַ טייל פון די העכער הונדערט פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, װאָס אַמעריקע פאַרמאָגט (צום אָנהויב פון היינטיקן יאָר). אין ניו־יאָרק איז דאָ דער „אָרדער פון 76" (אָרדער אָװ סעװעניטי־סיקס — נאָכן יאָר 1776, װען די רעװאָלוציע פאַר אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן); דער לאָזונג פון דעם אָרדער איז — באַװאָרענען קעגן רעװאָלוציע. אין ניו־יאָרק עקזיסטירט אויך אַן אָרגאַניזאַציע „די קרוסעידערס", װאָס איז אָרגאַניזירט געװאָרן אין 1930. איר לאָזונג איז — „פעסטע געלט", אַף אַ גאָלד־סטאַנדאַרד. זי איז פאַרמירט אַף אַ מיליטערישן שטייגער. דער פירער פון דער אָרגאַניזאַציע איז ראָיאַל סקאַט גולדען.

אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַן ענלעכן נאָמען, „קרוסעידערס פאַר עקאָנאָמיק ליבערטי", איז טעטיק אין די שטאַטן איידאַהאָ, אָרעגאָן און װאַשינגטאָן. די הויפּט־קװאַרטיר — אין טשאַטאַנוגאַ, טענעסי. קאָמאַנדיר — דשאָרדזש װ. קריסטשיענס. די אָרגאַניזאַציע פּרעטענדירט אַף אַ מיטגלידערשאַפט פון צװיי מיליאָן און פּלאַנעװעט (אָדער האָט געהאַט גפּלאַנעװעט) צו פאַראייניקן זיך מיט די „סילװער שוירטס", שטייט אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג מיט די פאָרשטייער פון היטלערן אין אמעריקע. אָסקאַר ס. פּפאַוס, קאָמאַנדיר פון „דייטשן פאַרבאַנד" אין שיקאַגאָ, איינער פון די גיפטיקסטע אַנטיסעמיטן, מען קאָן זאָגן — דער ערשטער אָפענער פאָגראָם־העצער אין אַמעריקע, שטיצט קריסטשיענסן. פּפאַוסעס געהילף אין איאָװאַ, ג. פּ. פוליאַם, האָט אין הערבסט זיך געװענדעט שריפטלעך צו קריסטשיענסן מיט די װערטער: „דערלויבט מיר צו סאַלוטירן אייך, װי איר װעט סאַלוטירט װערן אין דער נאָענטער צוקונפט: „הייל, קריסטשיענס!"

קריסטשיענס'עס אָרגאַניזאַציע װערט באַטראַכט איצט פאַר דער שטאַרקסטער און געפערלעכסטער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, באַזונדערס נאָכדעם, װי פעלי'ס „זילבערנע העמדלעך" האָבן געקראַכט. קריסטשיענס איז אַ פּיאַיקער דעמאַגאָג, װאָס האָט אויך אַ צוטריט אין װייסן הויז. היינטיקן פרילינג (1934), װען עס האָט זיך געטומלט מיט דער דערקלערונג פון דעם דר. װירט פון גערי, אַז אימיצער פון רוזװעלט'ס „מאַרך טראָסט" האָט אים געזאָגט, אַז רוזװעלט איז נאָר אַ קערענסקי, האָט קריסטשיענס אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג פון זיין הויפּט־קװאַרטיר אין טענעסי, אַז ער האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט אין דער אַנװעזנהייט פון פּרעזידענט.*)

אַף קריסטשיענס'עס איניציאַטיװע איז אין קאָנגרעס אַריינגעטראָגן געװאָרן אַ ביל (נום. 11898) „צו גרינדן עקאָנאָמישע פרייהייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און פאַר אַנדערע צװעקן". ניט געקוקט אַף זיין מיטאַרבעטערשאַפט מיט אָפענע פּאָגראָמשטשיקעס, איז אָבער קריסטשיענס כיטרע גענוג אויסצומיידן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע,

---

*) „דזשואיש דעילי בולעטין", 23טן אַפּריל, 1934.

וואו דאָס לוינט זיך אים ניט, אָדער אפילו אריינוואַרפן אַ גוט־וואָרט פאַר אידן, ווען דאָס דינט זיינע צוועקן.

די „קרוסעידערס פאָר עקאָנאָמיק ליבערטי" (קעמפער פאַר עקאָנאָמישע פרייהייט"), האָט אַ שטורעם־טרופן אָפּטיילונג אונטערן נאָמען „ווהאַיט שוירטס" (ווייסע העמדלעך). די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט פיל צייכנס, דער הויפּט־צייכן — אַ צלם.

דער „ו ו ה אַ י ט ל י ד ז ש י אָ ן" (ווייסער לעגיאָן) איז אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע, מיט בוירמינגהעם (אַלאַבאַמאַ) אַלס צענטער, וועלכער שטיצט זיך הויפּטזעכלעך אַף עלעמענטן פון קו־קלוקס־קלען.

אַף דרום געפינט זיך אויך די הויפּט־קוואַרטיר פון די „נאַציאָנאַליסטן". קוירנעל וויליאַם סימאָנס, גרינדער און געוועזענער פירער פון קו־קלוקס־קלען, איז דער הויפּט. אין די דרום־שטאַטן געפינט זיך די „סאָטערן ווידזשילענס אינטעלידזשענס אַסאָסיאיישאָן", וועלכע איז אָנגעשלאָסן אָן דער „אַמעריקען ווידזשילענס אינטערנעשאָנאַל פעדערעישאָן" אין שיקאַגאָ, און אָן דער „אַמעריקאַן קאָאַלישאָן אָוו פעיטריאָטיק סאָסייעטיס" אין ניו־יאָרק. די אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל, „קאָאָפּערייִשאָן", און פרעטענדירט צו האָבן באַ זיך פאָרשטייער פון 65 פאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער סאַוט.

אַלערליי העמדלעך

די „בלויע העמדלעך" זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון דעם פיטסבורגער גלח דזשעימס ר. קאָקס, וועלכער האָט מיט דער הילף פון געלטער פון דער מעלאָן־דינאַסטיע אויפגעהאַלטן אַ קיך פאַר אַרבעטלאָזע און האָט אָנגעפירט אין 1932 מיט אַ „מאַרש" פון אַרבעטלאָזע אַף וואַשינגטאָן. אין זומער 1932 איז ער געווען אַף אַ באַזוך באַ מוסאָליני'ן און באַ היטלער'ן („טריביון", יולי 1, 1932). זיינע „בלויע העמדלעך" האָט דער גלח געזוכט צו אָרגאַניזירן אַפן שטייגער פון די שוואַרצע און ברוינע העמדלעך פון איטאַליע און דייטשלאַנד. דער צוועק — ראַטעווען דאָס לאַנד פון קאָמוניזם. כאָטש ער ווערט פינאַנסירט פון דער מעלאָן־דינאַסטיע, שטערט עס אים ניט אַרויסצוקומען מיט לאָזונגען קעגן מעלאָנ'ען, און „פאַר אַ דזשאַב פאַר יעדן מאַן און אַ געהעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד". אין משך פון דעם זומער, ווען דער גלח האָט באַזוכט די פאַשיסטן־פירער אין איירראָפּע, האָבן זיינע באַנדעס געזוכט צו טעראָריזירן קאָמוניסטישע מיטינגען אין און אַרום פיטסבורג.

אַן אַנדער פאַשיסט מיטן זעלביקן נאָמען — פ. מ. קאָקס, איז דער פירער פון „נעשאָנאַל וואַטשמען", אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ „ראַדיקאַלער" פראָגראַם, וואָס פאָדערט „עקאָנאָמישן ווידערגעבורט", נאַציאָנאַליזאַציע, אַ הונדערט־פראָצענטיקן שטייער אַף יעדן איינקונפט וואָס איז העכער פון $10,000. די אָרגאַניזאַציע זוכט אריינ־

צודרינגען אין די פאַבריקן — מיט דער הילף פון די פאַבריקאַנטן.

לאָרענס דעניס, פּראָפעסער פון בוך „איז קאַפּיטאַליזם דומד?" (איז קאַפּיטאַליזם פאַר'משפּט צום אונטערגאַנג?) און מיט־רעדאַקטאָר פון פאַשיסטישן זשורנאַל „דהי עוועיקענער" (דער וועקער), איז איינער פון די טעאָרעטיקער פון פאַשיזם. דעניס און אַן אַנדער רעדאַקטאָר פון דעם דזשורנאַל, האַראָלד לאָרד וואַרני, צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר פון „אַמעריקאַן רעוויו" (געוועז. „דהי בוקמען"), סיוואַרד קאָלינס, שטעלן פאָר די אינטעליגענץ אין דער פאַשיסטישער באַוועגונג. פאַרשטייט זיך, אַז אויך זייער פאַשיזם איז אַנטיסעמיטיש, הגם, ווי זיי זאָגן, מיט געוויסע „מאָדיפיקאַציעס".

אין קאָנגרעס איז דער פאַשיזם דירעקט פאַרטראָטן דורך קאָנגרעסמאַן לואיס ט. מעקפאַדען פון פּענסילווייניא, וועמענס אַנטיסעמיטישע רעדעס די „סילווער שוירטס" פאַרשפּרייטן. דער אויסגעשפּראָכענער פאַשיסט־אַנטיסעמיט האָט אַף זיין זייט אַזעלכע רעאַקציאָנערן, שוואַרץ־מאה'ניקעס, ווי האַמילטאָן פיש און אַנדערע.

אין סענאַט איז דער פאַשיזם דירעקט פאַרטראָטן דורך היואי פּ. לאָנג פון לואיזיאַנא, אַ דעמאַגאָג פון ערשטן ראַנג, וועלכער זאָגט אַלעמען אַלצדינג צו, אָבער וועמעס הויפּט־לאָזונג עס איז: צען טויזנט דאָלאַר פאַר יעדן איינעם אַלס „חלק אין אונזער רייכטום".

אָבער לאָמיר דערמאָנען נאָך עטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אָט איז אַ גאַנץ פּעקל:

די „אינדאָסטריעל דעפענס אַסאָסיאיישאָן אָוו באָסטאָן" — אַן אַנטי־סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע פאַר „אַמעריקאַנישע פּרינציפּן". דער „אַמעריקאַן בלו קאָר" — אַן אַנטיסעמיטישע און אַנטי־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זוכט צו זיין טעטיק צווישן די שטאָל־אַרבעטער אין אָהייאָ; די „סאָסייעטי אָוו מעיפלאַוער דעסענדענטס", וועלכע איז טעטיק אין פילאַדעלפיע; די „סענטינעלס אָוו די רעפּובליק", מיט אַ הויפּט־קוואַרטיר אין וואַשינגטאָן; די „נעשאָנאַל פּאַרטי", מיט דזשאָן פרענקליןקאַרטער אַלס פּרעזידענט. דאָס זיינען נאָך עטלעכע פון די פאַשיסטישע שפּראָצונגען אין אַמעריקע.

נאָכאַמאָל: פיל פון זיי זיינען בלויז נעמען. ווען אַ ריי פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס איז שוין באַוואוסט, אַז זיי עקזיסטירן שוין מער ניט. געוועזן די „קי־מען אָוו אַמעריקאַ", און די דערמאָנטע „אינטערנעשאָנאַל דעפענס אַסאָסיאיישאָן אָוו באָסטאָן", פון וועלכע מען הערט ניט מער. די צאָל מיטגלידער, אַף וועלכע די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס פּרעטענדירן, איז אין אַלע פאַלן אומגעהויער אויפגעבלאָזן, כדי אָנצושרעקן דעם עולם און — דער עיקר — כדי אַרויסצוקריגן סומען געלט, וואו עס לאָזט זיך נאָר. אָבער די מערהייט פון די אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן, וואו שטאַרקער און וואו שוואַכער, און פירן אַן אַרבעט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, קעגן „פרעמדע", קעגן אידן.

די באַקי־העמדלעך און דער מאָרד פון אַנטאָניאָ פּיערא

פון צייט צו צייט רוקט זיך אַרויס איינע פון די אָרגאַניזאַציעס מער אַף דער אויבערפלאַך, און עס באַקומט זיך אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך נעענטער סיי מיטן כאַראַקטער פון אַמעריקאַנישן פאַשיזם און סיי מיט זיין שייכות צו דער עקזיסטירנדיקער „דעמאָקראַטישער" מאַכט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז געווען די „באַקי שוירטס", וועלכע האָט געפּלאַצט צום סוף פון פאַריקן יאָר, כאָטש זי פאַרמאָגט נאָך אַלץ עקזיסטירנדיקע רעשטלעך.

אין אירע האָניק־חדשים האָט די אָרגאַניזאַציע — ווי עס איז איבערגעגעבן געוואָרן — געציילט צווישן אירע מיטגלידער דעם קאָנגרעסמאַן לואיס ט. מעקפאַדען פון פענסילווייניע, דעם געוועזענעם אַדמיראַל סמעדלי באַטלער, און דעם סענאַטאָר היואי לאָנג פון לואיזיאַנאַ. דער דעמאָלטיקער „קאָמאַנדיר" פון די דאָזיקע העמדלעך, „אַרט" סמיט, האָט זיך אָפן געהאַט באַרימט, אַז ער וועט מאַרשירן אַף וואַשינגטאָן און איינפירן אַ דיקטאַטור אָפן שטייגער ווי היטלער'ס אָדער מוסאָליני'ס. און נאָך דעם „פוטש", וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט דעם 21טן אָקטאָבער, 1933, האָט מען באַ איר אין הויפּט־קוואַרטיר געפונען אַ גאַנצן לאַגער פון געווער, וועלכע איז אויפגעהאַלטן געוואָרן מיטן וויסן פון דער פּאָליציי. עס איז דעמאָלט באַוואוסט געוואָרן, אַז סמיט פלעגט אַרומפאָרן אָפן איבער פילאַדעלפיע מיט אַ באַוואָפנטער וואַך אַף זיין אויטאָמאָביל.

די „באַקי שוירטס", אונטער סמיט'ס אָנפירונג, האָבן דעם 13טן יולי, 1933, אַף אַ פאַרזאַמלונג אין אַסטאָריאַ, לעבן ניו־יאָרק, דערשאָסן אַף טויט דעם איטאַליענישן אַנטי־פאַשיסט אַנטאָניאָ פּיערא. די פּאָליציי, וועלכע האָט געהאַט גענוג באַווייזן וועגן דעם ווער עס איז דעם מאָרד באַגאַנגען, האָט נאָר אַרעסטירט צוויי אַנטי־פאַשיסטן, אַטאָס טערזאַני און מייקל פּאַלומבאַ. זי האָט זיך ניט געאיילט צו אַרעסטירן דעם אמת'ן מערדער, פרענק מאַפער, סמיט'ס אַ לייטענאַנט, וועלכער האָט זיך אָפן באַרימט מיטן מאָרד (סמיט האָט אים צוויי טעג נאָכן מאָרד דעקאָרירט פאַר „בראַוקייט"). ערשט נאָך אַ מאַסן־קאַמף פון די ניו־יאָרקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך איינגעגעבן די אַרעסטירטע אַנטי־פאַשיסטן אַרויסצורייסן פון טורמע און צוצוציען מאַפער'ן אַליין צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. (מאַפער, דער מערדער, איז אין אַפּריל פאַר'משפּט געוואָרן אינגאַנצן אַף אַ טערמין טורמע פון דריי ביז פינף יאָר. סמיט איז פאַר'משפּט געוואָרן אַף אַ יאָר טורמע פאַר שווערן פאַלש.)

עס וועט ווערט זיין צו באַמערקן, אַז סמיט איז מיט יאָרן צוריק געווען אַרעסטירט פאַר רויבעריי מיט אַ פאַרזוך צו דערמאָרדן. עס וועט אויך ווערט זיין צוצוגעבן, אַז איינער פון די געהילפן, וואָס סמיט האָט פאַרמאָגט, איז געווען אַ פילאַדעלפיער איד, סעמועל וויין, וועלכער איז באַ די „באַקי העמדלעך" געווען אַ „מאַיאָר", אָדער „גענעראַל", און האָט פאַרוואַלטעט מיטן פאַרקויף פון העמדלעך צו די מיטגלידער.

2. די „סילווער שוירטס“ און די נאַצים

„אַמעריקאַנער דערוואַכט“

די טעטיקסטע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע איז צום אָנהויב פון הײַנטיקן יאָר געווען — די „סילווער שוירטס“, וועלכע מיר האָבן דערמאָנט באַלד צום אָנהויב. אין אַפּריל (1934) האָט דער זשורנאַל פון דער אָרגאַניזאַציע, „ליבערעישאָן“, באַנקראָטירט, און די אָרגאַניזאַציע גופא איז צעטרייסלט געוואָרן. דאָך ווערט ווערט זיין צו רײדן וועגן איר עטוואָס גענויער, ווײַל זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ מוסטער פון אַמעריקאַנישן פאַשיזם.

„יודאַס מאַכט דויטשלאַנד טאָד“. דאָס איז אַ פאַרקלענערטע פאָטאָגראַפיע פון אַ צייכענונג אַף אַ פראָקלאַמאַציע, וואָס די נאַצים האָבן פאַרשפּרייט אין ניו־ראָשעל, לעבן ניו־יאָרק.

זי שטייט אין אַן ענגן פאַרבאַנד — סיי מאַטעריעל און סיי „גייסטיק“ — מיט די נאַצים פון דייטשלאַנד. זי פאַרמאָגט אַ „פירער“ — וויליאַם דאָדלי פעלי, אַ זון פון אַ מעטאָדיסטישן גלח אין ניו־ענגלאַנד, אַ געוועזענער שרייבער פון שונד־דערציילונגען און געוועזענער אַדווערטייזינג (רעקלאַמע) ספּעציאַליסט. פעלי איז געווען אַ טוער אין דער „יאָנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן“ אין סיביר, אין 1917-1918, ווען ווילסאָן האָט אַהין געשיקט אַן אַרמיי קעגן די באָלשעוויקעס. נאָכדעם איז ער אין סיביר געוואָרן אַ דיפּלאָמאַטישער קוריער פאַרן אַמעריקאַנישן, יאַפּאַנישן און טשעכישן מיליטער. חוץ מיט שונד־דערציילונגען, האָט זיך פעלי אויך פאַרנומען מיט שרייבן „העל־זעערישן“ שטאָף, מיט „ידיעות“ פון „יענער וועלט“. אין זיין וועכנטלעכן זשורנאַל „ליבערעישאָן“, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין אַשוויל, נאָרט קאַראָלינאַ, האָט ער יעדע וואָך געהאַט

אַ זייטל מיט „העל־זעערישע" פסוקים, וואָס זיינען געקומען פון „אינספּיראַציע" פון „אויבן".

זיין „העל־זעעריי" דאַרף פעלי באַזונדערס האָבן פאַר די אַלטע רייכע ווייבער, וועלכע שטעלן אים צו באַדייטנדיקע סומען. ווען די געשעפטן פון „ליבערעישאָן" זיינען, צוליבן באַנקראָט, אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מרס. אָגדען, די פרוי פון פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פון דער „פּרודענשיאַל אינ־שורענס קאָמפּאַניע", האָט געגעבן פעלי'ן טויזנטער דאָלאַר און האָט אויך אַריינגעצויגן אַנדערע „הויכע דאַמען" אין דער אַרבעט צו פינאַנסירן די „סילווער שוירטס". „העל־זעעריי" איז אָבער ניט קיין נייעס אין אַזאַ באַוועגונג. אויך היטלער האָט געהאַט זיינע „העל־זעער", וועלכע האָבן „פאָראויסגעזען" זיין אָנקומען צו דער מאַכט.

די אַרבעט פון דער „סילווער שוירטס" אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן — ווי פעלי באַרימט זיך — אין דעם טאָג ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט (31טן יאַנואַר, 1933), האָט בכלל אַ ס ך ע נ ל ע כ־ק י י ט ן צ ו ד ע ר אַ ר ב ע ט פ ו ן ד י נ אַ צ י ס. די נאַציישע לאָזונגען וועגן דער „נאַכט פון לאַנגען מעסער" און „ווען דאָס יודען־בלוט פליסט פונם מעסער" קריכן אַרויס כאָטש אין אַנדערע, אָפט פאַרשטעלטע, פאָרמען אין דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער דאָזיקער אַוואַנטוריסט באַטרייבט.

טייל לאָזונגען, ווי צום ביישפּיל, „אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר ד ע ר וו אַ כ ט", זיינען אינגאַנצן איבערגענומען געוואָרן פון היטלער'ן. פונקט אַזוי זוכט פעלי צו אָרגאַניזירן אין אַמעריקע שטורם־אָפּטיילונגען אַף היטלער'ס שטייגער. אין זיינעם אַ צירקו־לאַר, „אָפיציעלע ידיעות", אַרויסגעגעבן צום אָנהויב 1933, איז דאָ צום סאַמע סוף אַ פאַראַגראַף, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„אויב איר זייט 18 יאָר אַלט, באַם געהעריקן געזונט, און איר האָט קיין מורא ניט צו ריזיקירן אייער לעבן פאַר אייער לאַנד, וועט איר פאַרלאַנגט צו נעמען אַף זיך אַ שבועה און אַרויסטרעטן ווי אַן אמת'ער קריסטלעכער סאָלדאַט, אָנגעטאָן אין אַ העמדל פון זילבער, מיטן גרויסן רויטן „ל" פלאַמענדיק אַף אייער פאָן און איבער אייער האַרץ, — פאַר ליבע, לאָיאַליטעט, און ליבערעישאָן (באַ־פרייאונג)".

אַ ספּעציעלע וועכנטלעכע אויסגאַבע, „סילווער רעינדזשער", איז דערשינען אין לאָס אַנדזשעלעס אַף צו מאָביליזירן די דאָזיקע שטורם־אָפּטיילונגען.

אידן האָבן קאַליע געמאַכט די נ.ר.א.

פעלי, וועלכער זוכט, ווי אַלע פאַשיסטן, אויסצונוצן די נויט פון די מאַסן, זוכט אויך אויסצונוצן דעם פאַקט,וואָס די נ.ר.א. איז

דיסקרעדיטירט געוואָרן. פון זיין פראָפּאַגאַנדע אין „ליבערעישאָן", וואָס ער פילט כמעט אינגאנצן אַליין אויס, באַקומט זיך, אַז די נ.ר.א. איז טאַקע אַ גוטע זאַך, נאָר דער חסרון איז, וואָס ניט נאָר שטאַמט דער אויפטו פון אידן, נאָר אידן זיינען אויך די פאַרוואַלטער דערפון. דזשאַנסאָן און די אַנדערע זיינען ניט מער ווי דער „קריסטלעכער פראָנט" פאַר די אידישע „באַנקירן און קאָמוניסטן". רוזוועלט, וועלכער איז אַ „פיינער מענטש", איז אָבער אַ „געצייג אין די הענט פון דעם אידן באַרוך" און אַנדערע.

פעלי'ס קאַמף איז ניט ב ל ו י ז קעגן אידן. ער פירט אַ קאַמף קעגן די „פרעמדע" בכלל. אין איינער פון די דערקלערונגען פון די „סילווער רעינדזשערס" ווערט דערציילט, אַז די אויפגאַבע פון די „זילבערנעם באַנדעס דאַרף זיין „צו העלפן די אויסגעמאַטערטע (הערעסד) פאָליציי און שטאַט־וועכטער, אויפוועקן די בירגער זיי זאָלן דערזען די געפאַר, אין וועלכער די שטאַנדהאַפטע פאָליציי־קרעפטן געפינען זיך". די דערקלערונג זאָגט אויך, אַז „דער דונער פון טויזנטער סילווער שוירט פערד" (רייטער) וועט דאַרפן זיין אַ וואָרנונג צו די סינדיקאַליסטישע פאַרשווערער, צו די רעוואָלוציאָנערע קאָנספּיראַטאָרס און וועט „אָפּנעמען צוריק דאָס לאַנד פון די פרעמדע פאַרשווערער און אָפּגעבן עס צו די פאָרשטייער פון דעמאָקראַטישן בירגערטום". די „פרעמדע" פיגורירן כסדר אין פעלי'ס העצע, פונקט ווי די נעגערס. אָבער — צוליב סיבות, וואָס ווערן דערקלערט אין לעצטן קאַפּיטל — זיינען אידן דער הויפּ ציל־ברעט פאַר זיינע אַטאַקעס.

פעלי האַלט זיך פעסט אָן היטלער'ס לאָזונג, אַז כדי ליגנערישע פראָפּאַגאַנדע זאָל זיך אָנקלעפּן מוז זי זיין וואָס ווילדער, דער ליגן וואָס גרעסער. ער הערט ניט אויף צו ווידערהאָלן, אַז די באַנקירן האָבן פינאַנסירט די רוסישע רעוואָלוציע. אין זיינע אַטאַקעס אַף סאָוועטן־פאַרבאַנד, דערגייט ער צו אַ געשיכטע—מיט וועלכער ער הויבט אָן די דערמאָנטע „אָפיציעלע ידיעות"—אַז דער „באַקטעריאָלאָגישער שטאַב" פון דער רויטער אַרמיי האָט דערפונדן אַ מיטל צו אימוניזירן (פאַרזיכערן) אַלע רויט־אַרמייער, קאָמוניסטן, און „וועזנטלעכע ארבעטער", קעגן אַ געוויסן מיקראָב, וועלכער איז אַף הונדערט פּראָצענט ווירקזאַם אַף צו טויטן. דער מיקראָב איז „אויסגעפרובירט געוואָרן" אַף די „הילפלאָזע קולאַקן". און אָט־דאָס קאָן וואָראָשילאָוו אויפטאָן אין אַמעריקע: אַלע קאָמוניסטן און אידן וועלן אימוניזירט ווערן און די „אָרנטלעכע קריסטן" וועלן אומקומען.

פעלי, ווי אַנדערע קאָמוניסטן־העצער, דערפינדעט „געהעריקע" ציטאַטן, כדי צו באַפעסטיקן זיינע העצעס. אַזוי האָט לאָזאָווסקי, דער „סעקרעטאַר פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל", דערקלערט: „מיר פירן אָן אַן אָרגאַניזירטן טעראָר. ווען איר זעט ווי אַ בורזשוי אַנטלויפט, כאַפּט אים, און דער'הרג'עט אים מיט אייערע אייגענע הענט". דאָס וואָס לאָזאָווסקי איז ניט דער סעקרעטאַר פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, און דאָס וואָס עס איז צו אידיאָטיש ווען עס איז צו

דערציילן, אַז אַזאַ דערקלערונג איז געמאַכט געוואָרן, שטעלט פּעלי'ן ניט אָפּ.

„לענין האָט געהייסן זאָגן ליגן"

עס קוקט אויך אויס, אַז פּעלי איז דער דערפינדער פון די „ציטאַטן" פון „לענינ'ען", וואָס ווערן אַזוי ברייט באַנוצט פון די מעטיו וואָלס און אויך פון די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי. אין „ליבערעישאָן" פון 2טן דעצעמבער, 1933, ווערט דער־ציילט, אַז לענין האָט דערקלערט: „ליגן זאָגן, אָפּנאַרן, און כיטרעוועןבנוגע דער בורזשואַזיע, די קאַפּיטאַליסטן און זייערע רעגירונגען, — אַלץ איז באַרעכטיקט פאַר דער הייליקער זאַך פון וועלט־רעוואָלוציע".

די „ציטאַטע" איז אַ טייל פון אַ לאַנגן און וויסטן העצערישן אַרטיקל קעגן דער אָנערקענונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָרט איז אויך פאַראַן אַ „ציטאַטע" פון מענזשינסקי, פאַרשטאָרבענער פירער פון דער גע־פּע־או, וועלכער זאָל האָבן עפּנטלעך „דערקלערט": „אַזוי לאַנג ווי עס זיינען דאָ אידיאָטן, וואָס נעמען אונזער חתימה ערנסט, און געטרויען אונז אַף דעם סמך, מוזן מיר צוזאָגן אַלצדינג וואָס מען פאַרלאַנגט פון אונז".

אין די דערמאָנטע „אָפיציעלע ידיעות", ווערט דערציילט, אַז

Liberation

Edited by William Dudley Pelley

"I am deadly in earnest, I will not equivocate, I will not play politics, I will not retreat a single inch, and I will be heard!"

VOLUME IV | **Asheville, N. C., August 5, 1933** | **NUMBER 16**

Do the Jews of America Wish us to Reply with a Boycott?

AMERICA'S Jews certainly love trouble. They love trouble so much that when all is well with them, they go out of their way to make it for themselves. When they have made it, they set up a twentieth-century Wailing Wall, protesting that they are being "persecuted" because of their religion. It is an old trick, and in generations bygone it has met with success. Suddenly, however, Gentiles by wholesale are commencing to perceive it. And Gentiles by wholesale are no longer being fooled.

adroit, suave and constructive. The instant he suspects tha he has the upper hand, he shows himself boorish, vulgar, arrogant, and selfishly predatory He is interested only in the Tribe of Judah. Other races exist for Hebrew enhancement. By the documentary attestment of his own rabbinate, he is a nation unto himself.

Abruptly in this year 1933, millions of tolerant Gentiles are wearied to the point of retaliatory disgust by the megalomania of certain Jewish "leaders," and ... massed

We reproduce here the lead-off article of "Liberation" for Aug. 5th. A perusal of it will

דאָס איז אַ פאַרקלענערטע פאָטאָגראַפיע פון אַ טייל פון דער ערשטער זייט פון ליבערוישאָן", זשורנאַל פון די סילווער שוירטס", אין וועלכן עס ווערט געסטראַשעט: „דו דהי דזשוס אָוו אַמעריקאַ וואָנט אָס טו ריפּלאַי וויט עי באָיקאָט?" (ווילן די אידן פון אַמעריקע, אַז מיר זאָלן ענטפערן מיט אַ באָיקאָט?)

פון די 371 אידן, וועלכע „שטעלן צונויף" דעם סאָוועטישן „רעזשים" שטאַמען 265 פון דער „איסט סאַיד" אין ניו־יאָרק. . . .

נאָכדעם ווי מען בלעטערט דורך אַ פּעקל נומערן „ליבערעישאָן" און מען באַקענט זיך בכלל מיט פּעלי'ס פּראָפּאַגאַנדע, מוז מען זאָגן, אַז פּעלי האָט צווישן זיינע מיט־העלפער אַ איד, אָדער אידן, פּונקט ווי דער געוועזענער הויפּט פון די „כאַקי העמדלעך" האָט געהאַט אַ אידישע „האַנט". די געשיכטע וועגן די פירער פון דער „אַמעריקאַן דזשוּאיש קאָמיטע", פון אַמעריקאַנישן אידישן קאָנגרעס, די איינצל־הייטן וועגן די טעטיקייטן פון די דאָזיקע פירער, איינגעשלאָסן דעם פאַרשטאָרבענעם לואיס מאַרשאַל, קומען פון איינעם, אָדער מיט דער הילף פון איינעם, וואָס איז אַלס איד באַקענט מיט די פּערזאָנען און ענינים. די הילף קומט פּעלי'ן אויך צונוץ, ווען ער שטיצט זיך אויפן תלמוד, — כאָטש דאָ העלפט ער זיך געוויים אַרוים מיט די באַרימטע „פּראָטאָקאָלן פון די עלטסטע פון ציון", וואָס העגרי פאָרד האָט אַזוי ברייט געלאָזט פאַרשפּרייטן אין אַמעריקע נאָך דער מלחמה. די „אידייע" פון די „פּראָטאָקאָלן", אַז עס פאַראַן אַ „אידישער אינ־טערנאַציאָנאַל", וואָס זוכט אַריינצוכאַפּן די וועלט אין די אינטערעסן פון די אידישע באַנקירן און „אידישן אימפּעריאַליזם" — און איין לאַנד, הייסט עס, סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט מען שוין פאַר דעם צוועק „אַריינגעכאַפּט" — איז דער פונדאַמענט פון פּעלי'ס פּראָפּאַגאַנדע. דער „סילווער רעינדזשער" באַרימט זיך, אַז די „פּראָטאָקאָלן" פאַר־שפּרייטן זיך גוט.

פּעלי איז, פאַרשטייט זיך, ניט איבערקלייבעריש מיט באַצוי־כענען געוויסע פּערזענלעכקייטן אַלס אידן, פּונקט ווי ער איז ניט איבערקלייבעריש מיט דערפינדן „ציטאַטן". באַ אים איז דזשעראַרד סוואָופּ, הויפּט פון דער דזשענעראַל עלעקטריק און וויכטיקער טוער אין דער נ.ר.א., אַ איד. דער סערבישער סטודענט פּ ר י נ צ י פּ , וואָס האָט אין ס אַ ר אַ י ע װ אָ , אין יוני 1914, געוואָרפן די באָמבע אויפן עסטרייכישן קרוינפּרינץ — די באָמבע איז געווען ווי אַ סיגנאַל צו דער וועלט־מלחמה — איז געווען אַ איד. אַזוי איז אויך באַ פּעלי'ן אַ איד דער דראַמאַטורג י ו ד ז ש י ן אָ'נ י ל. דאָס דאַרף פּעלי האָבן פאַר זיינע אַטאַקעס אויפן „אידישן איינפלוס" אין טעאַטער און אין די מואוויס. און עס איז נאַטירלעך, וואָס פּעלי באַנוצט זיך זייער שטאַרק מיט די אָפּשטויסנדיקע וואולגאַריטעטן אין געוויסע פילמס, וואָס זיינען פּראָדוצירט פון אידישע פירמעס, צום ביישפּיל — די מיאוס'ע ווערטלעך וואָס דער אַקטיאָר קאַגני, אין דער פילם „לעידי קילער", זאָגט אַרוים אויף אידיש.

פּעלי סטראַשעט מיט באָיקאָט אויף אידן

דער אָפיציעלער געבורטסטאָג פון די „סילווער שוירטס" איז דער 31טער יאַנואַר, 1933, ווען היטלער איז געוואָרן קאַנצלער. (די אמת'ע דאַטע איז — 30טער יאַנואַר). די „סילווער שוירטס" באַ־

רימען זיך אָפן מיט זייער שייכות צום היטלעריזם. פּעלי האָט דער־קלערט באַ פיל געלעגנהייטן, אַז ער וועט טאָן אין אַמעריקע, וואָס היטלער האָט געטאָן אין דייטשלאַנד. ער באַנוצט זיך אויך מיט דער שרפה פון רייכסטאָג, און דערקלערט, אַז דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר אַ קאָמוניסטישן אויפשטאַנד („ליבערעישאָן", פעברואר 24, 1934), — און עס גייט אים ווייניק אָן, וואָס די שרפה איז שוין פאַר דער גאַנצער וועלט אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי אַ נאַצי־פּראָוואָקאַציע.

עס איז אַן אַלגעמיין־אָנגענומענע זאַך, אַז פּעלי ווערט פינאַנ־סירט — אָדער איז, צום ווינציקסטן, ביז זיין קראַך פינאַנסירט גע־

LAW
LIBERATION BY LIGHT
SILVER LEGION RANGER
"CHRIST AND CONSTITUTION"
"TAKE BACK THE NATION FROM THE ALIEN"
LOS ANGELES, CALIFORNIA WEDNESDAY, JANUARY 31, 1934 PRICE 5 CENTS

Where Did Jews Get The Blood?

Dastardly Attempt at Frame-Up of Silver-Shirt Leader Reveals Gore More than 48 Hours Old

SAN DIEGO, Jan. 20—Human blood more than 48 hours old, as disclosed by official chemical analysis, has been found sprinkled and smeared on the front steps and front door of a local Silver Ranger in this city this past week, following which a local Hebrew is alleged to have made complaint to the police of the enforced entry of his nearby home by a Silver Shirt who suffered bad bodily laceration in consequence.

Examination of the aforesaid Silver Ranger showed not the slightest abrasions on his body anywhere, but canny Silver Shirts removed all "blood" spots, together with paint and wood splinters, from the premises, took them to the local chemist and had them analyzed.

This chemist returned a report that the gore applied to the Silver Shirt's premises reacted to all human blood tests, but gruesomely enough had also been outside of a human body for at least 48 hours, if not longer.

National Headquarters is demanding investigation, particularly to know where this blood originated, and how it could have been preserved for this length of time, for utilization in this dastardly attempt to get local Silver Shirts "in wrong" with police and public.

פאַרקלענערטע פאָטאָגראַפיע פון אַ טייל פון דער ערשטער זייט פון דער צייטונג פון די „סילווער שוירטס" אין לאָס־אַנדזשעלעס. די גרויסע קאָפּ־לייענט זיך: „ווהער דיד דזשוס געט דהי בלאָד?" (וואו האָבן אידן גענומען דאָס בלוט?) עס רעדט זיך אין טעקסט וועגן כלומר'שטע בלוט־צייכנס, וואָס מען האָט אַנטדעקט פאַר דער טיר פון אַ טוער פון די „סילווער שוירטס" און עס ווערט געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס האָבן אידן „ערגיץ" געקראָגן בלוט און דעם צייכן געמאַכט.

וואָרן — פֿון נאַצי־קוואַלן. זיין „ליבערעישאָן", וואָס איז געוועזן אַ קליין בלעטל פֿון פֿיר זייטן און האָט אפֿילו אין דעם פֿאָרמאַט ניט געקאָנט עקזיסטירן, האָט סוף זומער 1933, ווען היטלער'ס אַגענט פּיינץ שפּאַנקנאָבל האָט אין אַמעריקע אַנטוויקלט זיין טעטיקייט, זיך פֿאַנאַנדערגעבליט אין אַ פֿאַרגרעסערטער אויסגאַבע פֿון 12 זייטן, אַרויסגעגעבן אין צוויי און דריי קאָלירן. צו דער צייט האָט זיך פּעלי אַריינגעוואָרפֿן אין קאַמף קעגן דער באָיקאָט־באַוועגונג קעגן היטלער־דייטשלאַנד אין אַמעריקע. אין „ליבערעישאָן" פֿון דעם 5טן אויגוסט, 1933, לאָזט זיך פּעלי פֿאַנאַנדער מיט אַ ווילדן סטראַשונאָק צו אויפֿהויבן אַ באָיקאָט קעגן אידן אין אַמעריקע. „דו דהי דזשוס אָוו אַמעריקאַ וואָנט אָס טו ריפּלאַי וויט עי באָיקאָט?" (ווילן די אַמעריקאַנער אידן, אַז מיר זאָלן ענטפֿערן מיט אַ באָיקאָט?) — איז די הויפּט־קאָפּ אַף דער ערשטער זייט. פּעלי זעצט פֿאָר די אַרבעט אין „ליבערעישאָן" פֿון 20טן יאַנואַר, 1934, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט אַף דער ערשטער זייט אין רויטן קאָליר אַ מאַרקע, וואָס לייענט זיך: „באַי דזשואיש, באָיקאָט דזשענטאַילס" (קויפֿט אידיש, באָיקאָטירט קריסטן). מיט אָט־דער פֿאַבריקאַציע, וועלכע פֿאַרמאָגט אַף זיך אַ מגן־דוד און די לוחות, זוכט פּעלי צו אויפֿהעצן די באַפעלקערונג, זי זאָל ניט קויפֿן באַ אידן.

צו זיין אומגליק האָט דער אָפֿענער פֿאַרבאַנד זיינער מיט די נאַצים קיין טובה אים ניט געטאָן. געוויסע פּאַטריאָטישע עלעמענטן האָבן ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם אָפֿענעם „פֿרעמדן" איינפֿלוס — און מען קעמפֿט דאָך קעגן „פֿרעמדע" — בפֿרט אַן איינפֿלוס פֿון אַ לאַנד, מיט וועלכן מ'האָט געפֿירט מלחמה.

דעם נאַצי־כאַראַקטער פֿון זיין אָרגאַניזאַציע האָט פּעלי אפֿשר צום „בעסטן" אילוסטרירט דורכדעם, וואָס ער שטעלט זיך ניט אָפּ אפֿילו פֿון באַנוצן דעם אַלטן פּאָגראָם־מיטל — ב ל ו ט ־ ב ל ב ו ל. דער „סילווער רעינדזשער" פֿון 13טן יאַנואַר, 1934, פֿאַרמאָגט אַף דער ערשטער זייט אַ גרויסן קאָפּ: „ו ו א ו ה אָ ב ן א י ד ן ג ע ־ נ ו מ ע ד אָ ס ב ל ו ט ?" עס ווערט דערציילט, אַז די טיר פֿון אַ מיטגליד פֿון די „רעינדזשערס" אין סאַן־דיעגאָ, קאַליפֿאָרניע, איז באַשפּריצט געוואָרן מיט „מענטשלעך בלוט". פֿאַרשטייט זיך שוין, אַז דאָס האָבן די אידן געגעבן אַזאַ מין סיגנאַל. . . .

היטלער'ס האַנט אין אַמעריקע

אָבער די נאַצים שטעלן זיך ווייניק וואָס צופֿרידן מיט דער אַרבעט פֿון די „סילווער שוירטס". זיי האָבן דאָ זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס מיט אייגענע אויסגאַבן — צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן, ליפֿלעטס. די נאַצים קאָנצענטרירן זייער טעטיקייט צווישן די דייטשן און זייערע קינדער אין אַמעריקע, וועלכע מאַכן אויס אַרום 13 מיליאָן. צווישן די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס מיט וועלכע זיי פֿירן אָן, אָדער איבער וועלכע זיי איבן אויס אַן איינפֿלוס, פֿאַרנעמט

אַ באַזונדערן אָרט די אָרגאַניזאַציע „פרוינדע דעם נויען דויטשלאַנד“, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון דעם דערמאָנטן היטלער־אַגענט, היינץ שפאַנקנאָבל. דאָס איז די אָפיציעלע נאַצי־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. זי פאַרמאָגט אָפטיילונגען פון „שטורם־טרופן“, אין ברוינע העמדלעך, וועלכע ווערן מיליטעריש מושטירט. דער הויפט פון דער אָרגאַניזאַציע איז איצט ר י י נ ה אָ ל ד וואַלטער.

די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט אַן אייגענעם וועכנטלעכן אָרגאַן, „דויטשע ציימונג“, אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק. אין ניו־יאָרק ווערט אויך אַרויסגעגעבן אַן אַנדער נאַצי־צייטונג, „אַמעריקאַ׳ס דויטשע

Deutsche Z

No. 14—Vol. II—Section 1

In Two Sections—10 Cents

Wer regiert in Washington, die Juden oder Roosevelt?

Rabbiner wollen der Regierung Vorschriften machen

Ja, wer regiert in Washington, Präsident Roosevelt oder ein Rabinowitz, Goldstein, Untermyer, Dickstein und wie sie alle heissen mögen?

Diese Frage muss man sich vorrlegen, wenn man liest, in welcher herausforderndеn, unflätigen und gemeinen Art und Weise jüdische Rabbiner auch am Passah-Feste gegen Deutschland und seine Führer gehetzt haben.

Da spricht man immer von den Nazis, die den Rassenhass in dieses Land getragen hätten und übersieht dabei ganz, dass es ja doch der Jude war, der den Kampf mit seinem unauslöschlichen Hass gegen das Deutschland Adolf Hitlers eröffnete.

Das „Jewish Daily Bulletin" vom Montag, den 2. April berichtet über folgende deutschfeindlichen

Anklagen des Pädagogen Dr. Wirt aus Gary, Indiana, die sich gegen einige linksradikale Mitglieder des „Brain Trusts" richteten, sofort als „Nazi Propaganda" bezeichnet, weil man befürchtete, dass die Anklagen an den radikalsten — und zufällig jüdischen — Mitgliedern des „Brain Trusts" haften bleiben würden.

Es wird bald Zeit, dass von Seiten der amerikanischen Regierung einmal ein Machtwort gegen das

Unsere schwarze Liste

Die jüdischen Boykotthetzer verkünden es mit Freudengeheul, dass nun auch Wanamaker keine deutsche Waren mehr führt. Damit ist nahezu jedes grosse Kaufhaus von New York dem Boykott-Bund der Herren Untermyer, Wise und Deutsch beigetreten.

Für uns, die wir den Boykott deutscher Waren bekämpfen, ist damit der Kampf leichter geworden. Wir wissen jetzt, dass die grossen Warenhäuser keinen Wert mehr auf deutsche Kundschaft legen und werden uns danach richten.

Wer den Boykott brechen will, muss die Abwehraktion des Deutschtums mit eiserner Konsequenz durchführen. Dazu gehört in erster Linie, dass kein Deutscher mehr in den Geschäften kauft, die den Boykott mitmachen, als da sind: Wanamaker, R. H. Macy & Co., Gimbel Bros., Lord & Taylor, James McCreery Co., B. Altman Co., Bloomingdale Bros.,

פאָטאָגראַפיע פון אַ טייל פון דער ערשטער זייט פון דער „דויטשע ציימונג“ אין ניו־יאָרק, אָרגאַן פון די „פרוינדע דעם נויען דויטשלאַנד“. די גרויסע איבערשריפט לייענט זיך: „ווער רעגירט אין וואַשינגטאָן, די יודען אָדער רוזוועלט?“

פֿאָסט״ („דויטשער בעאָבאַכטער״). די „דויטשע צייטונג״ פֿאַרמאָגט אויך אַן ענגלישע אויסגאַבע. די נאַציס פֿאַרמאָגן זייערע אָפֿיציעלע אָרגאַנען אויך אין אַנדערע ערטער. אין מילוואָקי פֿאַרמאָגן זיי אַ וואָכן־צייטונג, „דויטשעס זאָנטאַגבלאַט״. חוץ דעם פֿאַרמאָגן זיי אַ ריי צייטונגען, וואָס געפֿינען זיך אונטער זייער איינפֿלוס. אין דער זעלביקער מילוואָקי גייט אַרויס די טעגלעכע „דויטשע צייטונג״, וועלכע אַרבעט פֿאַר די נאַציס „דערמיט וואָס זי דרוקט און נאָכמער דערמיט וואָס זי דרוקט ניט״, ווי די סאָציאַליסטישע פֿאַרטיי, וועלכע העלפֿט אַרויסגעבן די צייטונג, איז געווען געצוואונגען צוצוגעבן (גענויער וועגן דער צייטונג אין קאַפּיטל 4). די גרעסטע דייטשע צייטונגען אין אַמעריקע, די ניו־יאָרקער „שטאַאַטס צייטונג״ און „ניו־יאָרקער העראָלד״, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן היינץ שפּאַנקנאָבל, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט מסכים זיין מיט זיין אָפֿענער אַנטיסעמיטישער ליניע (אויס מורא צו פֿאַרלירן די רעקלאַמעס פֿון אידישע פֿירמעס), שטיצן דעם היטלער־רעזשים, — כאָטש די לעצטע צייט, זינט עס איז קלאָר געוואָרן, אַז היטלער׳ס פֿונדאַמענט טרייסלט זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסטרעטן מיט קריטיק.

חוץ דער ליטעראַטור וואָס די נאַציס גיבן אַרויס אין אַמעריקע, שמוגלען זיי אַריין מאַסן אויסגאַבן, וואָס ווערן געדרוקט אין דייטשלאַנד. די דייטשע שיפֿן, וואָס קומען אָן פֿון האַמבורג און ברעמען, וועלכע פֿאַרמאָגן אַלע נאַצי־מאַנשאַפֿטן, ברענגען מיט זיך טאָנען נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. אַן אַנטיסעמיטישע בראָשור, „די אינטערנאַציאָנאַלע פּעסט״, וועלכע ווערט פֿאַרשפּרייט אין אַמעריקע, איז אויף אַזאַ אופֿן אַריינגעשמוגלט געוואָרן (די בראָשור איז געדרוקט אין בערלין). מאַסן פּראָקלאַמאַציעס אין דייטש און אַנדערע שפּראַכן ווערן אַרויסגעגעבן אין האַמבורג, וואו עס געפֿינט זיך דער שטאַב, וואָס פֿאַרוואַלטעט מיט דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע, און ווערן אַריבערגעשיקט דורך די דייטשע שיפֿן. פֿון צייט צו צייט פֿאַלן דורך אַזעלכע טראַנספּאָרטן ליטעראַטור, ווי דאָס האָט פּאַסירט דעם 6טן פֿעברואַר מיט דער „ללאָיד״ שיף „עסטע״. צום מיינסטן אָבער גיט זיך די נאַציס איין זייער אַרבעט, — אָפֿט מיט דער הילף פֿון די באַאַמטע אין ניו־יאָרקער האַפֿן.

באַאַמטע פֿון די דייטשע שיף־געזעלשאַפֿטן אין אַמעריקע זיינען צווישן די הויפּט־אָנפֿירער פֿון דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע. פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי און די אַנדערע אַגענטן אַרבעטן מיט דער הילף און אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די דייטשע קאָנסולן און דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, דר. לוטער. ווען שפּאַנקנאָבל איז אויפֿגעדעקט געוואָרן, האָט לוטער געלייקנט, אַז ער האָט ווען עס איז געהאַט מיט אים אַ שייכות, — בשעת ער אַליין האָט געשיקט צוויי מאָל זיין געהילף, דר. רודאָלף לייטנער, ער זאָל זיך באַראַטן מיט שפּאַנקנאָבל׳ען אין ניו־יאָרק. עס איז אויך באַוואוסט, אַז שפּאַנקנאָבל האָט באַזוכט די אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. באַם ניו־יאָרקער קאָנסול איז שפּאַנקנאָבל געווען אַן אָפֿטער איינגייער.

דער זשורנאַל „טודעי" (היינט) האָט אין אַפּריל באַוויזן, אַז די דייטשע קאָנסולן אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, לאָס אַנדזשעלעס, סאַן פראַנציסקאָ, דעטראָיט, סט. לואיס, סינסינאַטי, זיינען טעטיק אין דער אַרבעט פון די „פרוינדע דעם נויען דויטשלאַנד". אַזוי דער פּיטסבורגער וויצע־קאָנסול לאָיבל. אַזוי אַלע היטלער׳ס פאָרשטייער. דער דערמאָנטער זשורנאַל האָט באַוויזן, אַז נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, בשעת אין דייטשלאַנד האָט נאָך געהערשט אַ „ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע" (און אין פּריסן — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג), האָבן די היגע דייטשע קאָנסולן געהאָלפן אָרגאַניזירן די היגע נאַצי־באַוועגונג. . . .

אַ ריי אַמעריקאַנער פון דייטשער אָפּשטאַמונג און בכלל אַמעריקאַנישע פאַשיסטן זיינען צום דינסט פון די נאַצים אין זייער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. עדווין עמערסאָן, וועלכער האָט געטאָן פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פאַר דייטשלאַנד בעת דער מלחמה, איז, לויט אַ ידיעה אין דער שיקאַגער „דעילי ניוס" פון 7טן נאָוועמבער, 1933, אָפיציעל באַשטימט געוואָרן ווי דער פאָרשטייער פון דער נאַצי־פּאַרטיי אין אַמעריקע. אין אַ קייבל פון בערלין האָט דער „טיימס" קאָרעספּאָנדענט, פרעדעריק ט. בוירטשעל, דערציילט וועגן אַ „קאָסט־באַרער מאַשין" פאַר פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע, וואָס היטלער׳ס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער, געבעלס, האָט איינגעשטעלט אין דייטשלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין פרילינג 1934, האָבן די נאַצים אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט דורך אַ נייער געזעלשאַפט „דאַווא" („דויטש־אַמעריקאַנישערווירטשאַפט־אויסשוס"), אַ געזעלשאַפט צום קאַמף „קעגן אידישן באָיקאָט". די געזעלשאַפט פאַרנעמט זיך מיט אַ ברייטער באָיקאָט־אַגיטאַציע קעגן אידן, אונטערן כלומר׳שטן לאָזונג: באָיקאָטירט די באָיקאָטירער (פון דייטשע סחורות). די געזעלשאַפט צווינגט יעדן הענדלער אין דייטשע געגנטן אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, צו אויסהייגנען אַ „דאַוואַ"־אָדלער, אַלס באַוויז, אַז דער קרעמער איז אַ מיטגליד פון דער „דאַוואַ" (אָפּצאָל 5 דאָלאַר). אידן ווערן ניט אַריינגענומען און זייערע געשעפטן ווערן באָיקאָטירט.

די געזעלשאַפט האָט אין פרילינג אָפּגעהאַלטן אין ברוקלין און ניו־יאָרק ריזיקע מיטינגען — איין מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, דעם 17טן מאַי.

די געפאַר

די אַלע פאַקטן וועגן די עקזיסטירנדיקע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע דערציילן וועגן אַ גרויסער געפאַר, פאַר וועלכער די אַמעריקאַנישע אַרבעטער־מאַסן, די פרעמד־געבוירענע בכלל, און די ברייטע מאַסן פון דער אידישער באַפעלקערונג, שטייען.

די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, וואָס דערגייט ביז פּאָגראָם־העצעס, און די העצעס קעגן קאָמונים, קעגן קעמפנדיקע אַרבעטער

בכלל, האָבן שוין אָנגעהויבן ברענגען היטלעריסטישע פּרוכט. דער מאָרד פון דעם אַנטי־פאַשיסט אַנטאָניאָ פּיעראָ אין אַסטאָריאַ, לעבן ניו־יאָרק, איז ניט דער איינציקער געוואַלד־אַקט, וואָס דער פאַשיזם אין אַמעריקע האָט שוין פאַרצייכנט. אַפן אַנדערן ברעג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו די „סילווער שוירטס" און אַנדערע פאַשיסטן זיינען באַזונדערס טעטיק, האָט זיך צום סוף פון 1933 אַריבערגעטראָגן אַ כוואַליע פון פאַשיסטישן טעראָר קעגן די סטרייקנדיקע פאַרם־אַרבעטער. עס איז געקידנעפּט געוואָרן דער אָרגאַניזער פון דער יונייטעד פאַרמערס ליג אין יאַקימאַ, וואַשינגטאָן. ער איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון שטאָט דורך אַ באַנדע „ווידזשילענטס", מען האָט אים געשלאָגן ביז מען האָט געמיינט אַז ער איז טויט, און מ׳האָט אויסגעשניטן אַ סוואַסטיקאַ אין די האָר פון זיין קאָפּ און אַפן לייב האָט מען אים אויסגעמאָלן די בוכשטאַבן „יו. ס. ס. ר.".

אין קאַליפאָרניע, בעת אַ סטרייק וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער אַגריקאָלטשורעל וואָרקערס אינדאָסטריעל יוניאָן, זיינען די פאַשיסטן באַפאַלן אַ גרופּע סטרייקערס און האָבן צוויי אַרבעטער דערשאָסן אַף טויט. דאָס זיינען ניט געווען די איינציקע קרבנות אין פאַרבינדונג מיט דעם סטרייק. איבער גאַנץ קאַליפאָרניע האָט צום סוף 1933 געבושעוועט אַ טעראָר קעגן די אַרבעטער, באַזונדערס די פאַרם־אַרבעטער. אין זעלביקן שטאַט האָט אַ באַנדע פון קו־קלוקס־קלען זיך אַריינגעריסן אין דער וואוינונג פון ד. מילער, אין לאָנג ביטש, און געמאַכט אַ פּאָגראָם ביי אים אין הויז, דערפאַר וואָס מילער איז געווען טעטיק פאַר די סקאַטסבאָראָ־אינגלעך. פון דרויסן האָבן די קו־קלוקסערס אָנגעצונדן אַ צלם און פאַרשפּרייט ליפלעטס מיטן לאָזונג: „דהי קו־קלוקס ראַידס עגעין" (דער קו־קלוקס טראָגט זיך ווידער).

אין ניו־מעקסיקאָ האָבן די פאַשיסטן מערדערלעך געשלאָגן די פירער פון דער נעשאָנאַל מיינערס יוניאָן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט אַ סטרייק פון די קוילן־גרעבער אין קאַרבאָן קאַונטי. איין טוער איז אַרויסגעפירט געוואָרן 19 מייל פון שטאָט, אין דער טרוקענער וויסטעניש, און איז איבערגעלאָזן געוואָרן אַ צעשלאָגענער — אַ האַלב־טויטער.

אין מאַי האָבן כוליגאַנעס פון „ווייסן לעגיאָן" אין בוירמינגהעם, געהאָלפן אַרעסטירן סטרייק־פירער און געשלאָגן דעם דראַמאַטורג דזשאַן האָוארד לאָסאָן, פּאָגראָמירט די הויפּט־קוואַרטיר פון דער „אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר דעפענס" (רויטע הילף).

אין דעם זעלביקן אָרט וואו די „סילווער שוירטס" האָבן באַנוצט דעם בלוט־בלבול, אין סאַן־דיעגאָ, קאַל., איז דורך פּאָסט פאַרשפּרייט געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ס׳האָט זיך דערציילט, אַז אידן האָבן דערמאָרדעט צוויי זיבן־יאָריקע קינדער, ווירדזשיניאַ ברוקס און דאַלבערט אַפּאָשיאָן. דאָס בלוט, הייסט עס,

האָבן אידן באַדאַרפט פאַר ריטועלע צוועקן די פּראָקלאַמאַציע האָט זיך געשטיצט אַף אַ באַשרייבונג פון אַ געוויסן גלח אין פּראַג אין 1880, און האָט אויך דערמאָנט דעם פאַל מיט מענדל ביילים אין קיעוו אין 1911. דאָס וואָס אַפילו דער צאַרישער געריכט האָט ניט געקאָנט געפינען ביילים'ן שולדיק, קימערט די אַמעריקאַנער פאַשיסטן גאַנץ ווייניק, פּונקט ווי פעלי'ן קימערט ניט, וואָס אַפילו דער נאַצי־געריכט האָט ניט געקאָנט געפינען די קאָמוניסטן שולדיק אין רייכסטאַג־פייער.

די פּראָקלאַמאַציע איז געדרוקט געוואָרן אין ענגלאַנד. אַזוי, צום וויינינגסטן, איז אַף איר אָנגעגעבן געוואָרן.

דיסקרימינאַציעס קעגן אידן

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס גלייכצייטיק מיט דער גיפטיקער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די פאַרשיידענע שוואַרצע באַנדעס פאַרשפּרייטן, האָט זיך געשטאַרקט די כוואַליע פון דיסקרימינאַציעס קעגן אידן.

אין פאַרבינדונג מיט דער הויך־פּאַטריאָטישע פּראָפּאַגאַנדע בכלל, האָבן זיך פאַרשטאַרקט די דיסקרימינאַציעס קעגן אַלע „פרעמדע". זינט 1929 האָבן אַ כ צ ן שטאַטן דורכגעפירט געזעצן, וואָס באַגרעניצן דאָס רעכט פון ניט־בירגער צו זיין באַשעפטיקט באַ עפנטלעכע אַרבעטן. אין ניו־יאָרק האָט מען אין דעצעמבער, 1932, אָפּגעזאָגט פון די שטאָטישע שפּיטאָלן 1,415 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען ניט געוועזן קיין אַמעריקאַנישע בירגער („טיימס", דעצעמבער 23, 1932). אין אַ גאַנצער ריי מוניציפּאַליטעטן זאָגט מען אָפּ פרעמד־געבוירענע פון דער אַרבעט. אין מילוואָקי, וויסקאָנסין, האָט מען צום אָנהויב פון היינטיקן יאָר טויזנט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אָפּגעזאָגט פון רעליף־אַרבעט באַ דער שטאָט און אין שטאַט. דער גרויסער שיקאַגער געשעפט „מאַרשאַל פילד קאָמפּאַני" אין שיקאַגאָ זאָגט אָפּ פרעמד־געבוירענע. אַזוי אַנדערע פירמעס, געשעפטן און פאַבריקן, אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. און צוזאַמען מיט די דיסקרימינאַציעס קעגן פרעמד־געבוירענע, אָדער קינדער פון פרעמד־געבוירענע, האָט זיך געשטאַרקט די כוואַליע פון דיסקרימינאַציעס קעגן אידן.

אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען זיינען שוין ניט מער באַגרעניצט צו רייכע האָטעלן און די אוניווערזיטעטן, וואו אַזעלכע דיסקרימינאַציעס האָבן שוין עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט. אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע — באַזונדערס אָנגעשטעלטע און באַשעפטיקטע אין אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, באַגעגענען אַלץ גרעסערע שוועריקייטן באַם זוכן אַרבעט. אין נאָוועמבער־נומער פון זשורנאַל „האַרפּערס" איז דערציילט געוואָרן וועגן אַ סטאַטיסטיק פון 27,000 אַפּליקאַציעס פון אידישע אָנגעשטעלטע אין ניו־יאָרק, וואָס 90 פּראָצענט פון זיי זיינען צוריקגעוויזן געוואָרן בלויז דער־

פֿאַר, וואָס די אַפּליקאַנטן און אַפּליקאַנטקעס זײַנען געווען אידן.
אין דער שטאָט ניו־יאָרק זײַנען פֿאַראַן אידישע אָנגעשטעלטע, באַ־
זונדערס סטענאָגראַפּיסטקעס, וואָס זײַנען געצוואונגען צו אָנגעבן,
אַז זיי שטאַמען פֿון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, כּדי צו קריגן אַרבעט.
אידישע יונגעלײַט, וואָס ענדיקן אַלס לאָיערס, אינזשענערן, כעמי־
קער, ווערט אַלץ שווערער אַרײַנצוקומען אין אָפּיסעס, לאַבאָראַטאָ־
ריעס און פֿאַבריקן. אין די „יוטיליטיס" (עלעקטריק, געז, טעלע־
פֿאָן, פֿאַרקער און אַנדערע קאָמפּאַניס) און אין די בענק איז דאָ אַ
ניט־געשריבענער געזעץ ניט אָנצושטעלן קיין אידן.

אַף דער קאָנווענשאָן פֿון „דזשואיש סאָשיעל סורוויס" אין
סוף מאַי (1934) אין אַטלאַנטיק סיטי, האָט אַ פּראָפעסאָר פֿון וויס־
קאָנסין אוניווערזיטעט, פּערלמאַן, דערקלערט, אַז ווען קאָרפּאָריישאָנס
ווענדן זיך אין אוניווערזיטעט נאָך „גוטע סטודענטן", לאָזן זיי
וויסן, אַז אידישע סטודענטן זאָלן ניט גענומען ווערן אין אַכט.

ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע פֿאַלן, באַטייליקן זיך אידישע
אונטערנעמער אַקטיוו אין דיסקרימינירן קעגן אידישע
אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דער אָרדן „בני ברית" האָט אין 1932
געהאַט באַשטימט אין שיקאַגאָ אַ קאָמיטעט צו אויספֿאָרשן אַנטי־
סעמיטישע דיסקרימינאַציעס. דער קאָמיטעט איז געווען געצוואונ־
גען שפּעטער צו דערקלערן, אַז אויך אידישע אונטערנעמער זאָגן
זיך אָפּ אָנצושטעלן אידישע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און פּראָפֿע־
סיאָנאַלן. אין ניו־יאָרק איז עס אַ געוויינלעכע דערשײַנונג, אַז אי־
דישע געשעפֿטסלײַט און לאָיערס (אַדוואָקאַטן), זאָלן ניט אָנשטעלן
קיין אידן. די דאָזיקע אונטערנעמער זוכן צו געבן זייערע אונטער־
נעמונגען אַ „ניט־אידישן" פּנים.

דער אַנטיסעמיטיזם לאָזט זיך פֿילן אויך אין רעגירונגס־אינ־
סטיטוציעס. אין די שטאָטישע שפּיטאָלן, אַפֿילו אין ניו־יאָרק,
פֿאַרטראָגט מען ניט קיין אידישע דאָקטוירים און נוירסעס („שוועס־
טער"). אין וואַשינגטאָן, אונטער דער ווירקונג פֿון די אַטאַקעס
פֿון אַ מעקפֿאַדן, הויבט מען אָן ריידן אַלץ העכער וועגן „צופֿיל
אידן" אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן.

דעם 29טן מאַי האָט קאָנגרעסמאַן מעקפֿאַדן געמאַכט פֿון דער
טריבונע פֿון קאָנגרעס (אונטערשטע הויז) אַ שענדלעכע
אַטאַקע אַף אידן, האָט ציטירט די „באַרימטע" „פּראָטאָקאָלן פֿון
ציון" און האָט דערקלערט: „ווען עס וועט קומען דער גרויסער קרי־
זיס, וועלן די קריסטן בלײַבן באַ די פּאַפּירלעך און די אידן וועלן
בלײַבן באַם גאָלד".

וואָס פֿאַר אַ ברייטע פֿאָרם די דיסקרימינאַציעס און פֿאַרפֿאָל־
גונגען קעגן רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, קעגן פֿרעמד־געבוירענע און
אידן זאָלן ניט האָבן אָנגענומען, שטעלן זיי אָבער פֿאָר מיט זיך
נאָר די ערשטע שפּראָצונגען אַף דעם פֿרוכטבאַרן באָדן אַף וועלכן
די פּעלים, סמיטס, קאַקסעס, מעקפֿאַדענס און אַנדערע פּאַרזייען
זייער היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

3. „נ.ר.א.“ פירט צו פאשיזם

דער אמעריקאנישער קאפיטאליזם זוכט א באזע

וואס איז דער באדן, אף וועלכן עס בליען די פאשיסטישע ארגאניזאציעס?

פונקט ווי אין דייטשלאנד און אין אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער, נוצט אויס דער פאשיזם אין אמעריקע די פארצווייפלטע לאגע פון גרויסע מאסן פון דער באפעלקערונג. מיר האבן געזען, ווי די „אפיציעלע ידיעות“ פון די „סילווער שוירטס“, וועלכע פארשפרייטן די ווילדקייטן וועגן דזשייקאב שיף און דער רוסישער רעוואלוציע, וועגן מיקראבן פון דער רויטער ארמיי, הויבן אן מיט דער שלעכטער לאגע פון פערציק מיליאן איינוואוינער אין אמעריקע. די „סילווער שוירטס“ ריידן וועגן ארבעטסלאזיקייט, וועגן אפגעשפארטע געלטער וואס גייען פארלוירן, וועגן פארזיכערונגס־פאליסיס וואס ווערן אנולירט, וועגן היימען און פארמס וואס ווערן פארקויפט. די פאשיסטן קומען מיט זייערע רייד צו די פארצווייפלטע מאסן, וואס זעען ניט פאר זיך קיין אויסזיכט. זיי קומען צו די הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע, וואס דרייען זיך ארום אן א ציל און האבן ניט קיין האפענונג ווען עס איז צו קריגן ארבעט.

אבער פונקט ווי אין דייטשלאנד און אנדערע לענדער, זיינען די פאשיסטן אין אמעריקע נאר *אינסטרומענטן פון דעם קאפיטאליזם*, וועלכער קאן שוין ניט הערשן מיט די אלטע מיטלען!

אט־דאס מוז מען געדיינקען: דער פאשיזם אין דייטשלאנד איז ניט קיין פראדוקט פון היטלערן, אין איטאליע — ניט קיין פראדוקט פון מוסאליניץ, א. אז. וו. דער פאשיזם איז א *פראדוקט פון קאפיטאליזם* בשעת זיין בארג־אראפ גאנג, אין לענדער וואו די מאסן ווערן נאך פארפירט פון דער בורזשואזיע און פון סאציאל־פאשיזם, וואס האלט זיי אפ פון *רעוואלוציאנערן* אויסוועג פון קריזיס.

עס וואלט געווען ניט אינגאנצן ריכטיק צו זאגן, אז די „סילווער שוירטס“ און די אנדערע זיינען *דער* אינסטרומענט פון גרויס־קאפיטאל, ווי די נאצים זיינען דאס אין דייטשלאנד. די פאשיסטישע באנדעס אין אמעריקע געפינען זיך נאך אין דער זעלביקער סטאדיע, אין וועלכער עס האבן זיך געפונען די נאצים אין די יארן פאר 1930, איידער היטלער האט געקראגן דער ערשטן גרויסן זיג אין די וואלן צום רייכסטאג (ווען ער האט געוואונען 107 דעפוטאטן). פונקט ווי היטלער פאר 1930, אזוי וואַרטן די פעלים,

סמיטס און קריסטשיענסעס פֿאַר דער געלעגענהייט צו איבערנעמען פֿון גרויס־קאַפּיטאַל די מיסיע צו אָרגאַניזירן, מיט דער הילף פֿון ריזיקע סובסידיעס, די פֿאַשיסטן־באַנדעס אין אַמעריקע אַף אַ ברייטן מאַסשטאַב. דערווייל אַרבעט נאָך דער פֿאַשיזם אין אַמעריקע אַף אַ צעוואָרפֿענעם, קוסטאַרנעם אופֿן. אין פּיטסבורג העלפֿן די מע־לאָנס דעם גלח קאָקס, אין דעטראָיט רוקן אַרויס די אויטאָמאָביל־מאַגנאַטן אַ גלח קאָפֿלין מיט זיינע „ראַדיקאַלע" פֿאַשיסטישע פֿראַזן, אין ניו־יאָרק שטיצן די מאַגנאַטן פֿון פּאַרק עוועניו דעם „אָרדער אָוו 76". דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל זוכט זיך אַ באַזע, און פּרובירט זיך דערשלאָגן צום „ריכטיקן" פֿאַשיסטישן מיטל. וואָס מער עס פֿאַרשפּרייט זיך די נויט צווישן די מאַסן, וואָס מער פֿאַרמער עס פֿאַרלירן די האָפֿנונגען אַף זייער עקזיסטענץ־מעגליכקייט, און — דער עיקר — וואָס מער קליינבירגער עס ווערן אַרויסגעשלאָגן פֿון זייערע פּאָזיציעס דורך דעם, וואָס די אַרבעטער פֿאַרלירן זייער קויף־קראַפֿט און דורך דעם דרוק פֿון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל פֿון אויבן, אַלץ מער זוכן די פֿאַשיסטן די לאַגע אויסצונוצן. און וואָס וויינ־קער דער קאַפּיטאַליזם קאָן זיך אַן עצה געבן מיטן קריזיס און וואָס קלאָרער עס ווערט דער באַנקראָט פֿון דער „נ.ר.א.", אַלץ מער וועט דער קאַפּיטאַליזם זוכן צווישן די פֿאַרצווייפֿלטע מאַסן אַ באַזע פֿאַר אַ פֿאַשיסטישער דיקטאַטור, אַלץ גיכער וועלן די פֿאַרשיידענע פֿאַ־שיסטישע באַנדעס געצוואונגען ווערן קאָאָרדינירן זייערע כוחות אונטער אַן איינהייטלעכער פֿירערשאַפֿט.

פֿאַשיסטישע שטרעמונגען אין דער „נ.ר.א."

אָפֿענע פֿאָדערונגען פֿאַר אַ דיקטאַטור האָבן זיך געהערט מצד די קאַפּיטאַליסטן און זייערע דינער אין דער מלוכה־מאַשין אין מיטן 1932 און צום אָנהויב 1933, איידער רוזוועלט האָט איבערגענומען די מאַכט. דאָס איז געווען צום סוף פֿון הואווער־רעזשים, ווען צווישן ברייטע עלעמענטן פֿון הערשנדיקן קלאַס האָט געהערשט אַ פּאַניק. מ'האָט ניט געקאָנט זיך מער קאָנטראָלירן. מ'האָט גערעדט וועגן אַ דיקטאַטור. אין יוני 1932 האָט א ו ע ן ד. י אָ נ ג געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט: „עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן דאַרפֿן אַ טראַכט טאָן וועגן אַ מעטאָד צו איבערגעבן אַן אויסערגעוויינלעכע מאָס מאַכט אין די הענט פֿון פּרעזידענט, און אַזעלכע צייטן, ווי די איצטיקע". („ניו־יאָרק טיימס", 6טן יוני, 1932). אין פֿעברואַר האָט זיך דער וויצע־פּרעזידענט, גאַרנער, אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ דיקטאַטור צו ראַטעווען די לאַגע. („טיימס", פֿעב. 10). אַף אַ פֿאַרהער פֿון דער פֿינאַנץ־קאָמיסיע פֿון סענאַט האָט פּאָול וו. ליטשפֿילד, פּרעזידענט פֿון דער „גוד־ייר טייער קאָמפּאַני", געפֿאָדערט אַ דיקטאַטור. („אַמעריקאַן", פֿעב. 22). די „טיימס" פֿון 10טן פֿעב. 1933, האָט געהאַט אַ לייט־אַרטיקל, „דיקטאַטאָר לימיטעד", — רוזוועלט זאָל זיין אַ מין סאָרט באַגרעניצטער דיקטאַטאָר. מען האָט

אָפּן געזוכט אַ „ספּעציעל־אַמעריקאַנישן" סאָרט פאַשיזם, ווי וואָלטער בעל האָט עס שפּעטער באַגרינדעט אין דעם „טיימס"־זשורנאַל „קוירענט היסטאָרי" פון יולי, 1933.

ווען רוזוועלט האָט איבערגענומען די לייצעס, דעם 4טן מערץ, 1933, האָבן זיך אין זיין רעדע גלייך דערהערט דיקטאַטאָרישע טענער. ער האָט צוגעמאַכט אַלע בענק פון לאַנד. ער האָט פון קאָנגרעס געקראָגן די ברייטסטע פולמאַכטן. אָבער דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך ניט געהאַט קיין ברייטע סאָציאַלע אָרגאַניזירטע באַזע, אַף וועלכער ער זאָל זיך קאָנען שטיצן מיט אַ פאַשיסטישער דיקטאַטור. רוזוועלט האָט זיך פאַרנומען צו שפּילן די קאָרט פון דעמאָקראַטיע מיט דער הילף פון דעמאַגאָגישע פראַזן און דיקטאַטאָרישע האַנדלונגען. עס איז דורכגעפירט געוואָרן די „ניראַ" (נעשאָנאַל אינדאַסטריעל ריקאָווערי אַקט — נאַציאָנאַלער אַקט פון אינדוסטריעלער דערהאָלונג) און עס איז געשאַפן געוואָרן די „נ.ר.א." (נעשאָנאַל ריקאָווערי אַדמיניסטריישאָן), וועלכע האָבן אָבער גלייך אין אָנהויב אַרויסגעוויזן זייערע פאַשיסטישע קלאָען.

די „נ.ר.א." איז באַזירט אַף אַ פּראָגראַם פון ע ק אָ נ אָ מ י ש ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם , אָדער עקאָנאָמישע „אַוטאַרקיע" (זעלבסט־דערהאַלטונג), ווי דאָס הייסט אין דער היטלער־טערמינאָלאָגיע. אָט דער עקאָנאָמישער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז פון רוזוועלט'ן באַ פיל געלעגנהייטן פּראָקלאַמירט געוואָרן גאַנץ אָפן, איז אַף אַ ברוטאַלן אופן דעמאָנסטרירט געוואָרן אין זומער 1933, ווען רוזוועלט האָט אויסגעריסן די עקאָנאָמישע קאָנפערענץ אין לאָנדאָן.

די „נ.ר.א." האָט אָ פ י צ י ע ל אָ פּ ג ע ש אַ פ ט („דערווילע", אַף צוויי יאָר) ד ע ם אַ נ ט י ־ ט ר אָ ס ט ג ע ז ע ץ. זינט דער איינפירונג פון דער „נ.ר.א.", האָבן זיך אַלץ העכער אָנגעהויבן הערן די געשרייען, אַז אַלץ גרעסערע שיכטן פון מיטלקלאַס ווערן דעקלאַסירט. עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז „נ.ר.א." איז דער אינסטרומענט פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל.

די „נ.ר.א." האָט אויפגעהויבן אַ פּ אַ ט ר י אָ ט י ש ע ש ט י מ ו נ ג מיט דעמאָנסטראַציעס, פּאַראַדן, מאַרשן און דורך אַזאַ אימפּעטיקן פאָכן מיט דער אַמעריקאַנישער פאָן, וואָס האָט געהאַט אַ גלייכן צו זיך נאָר אין די היסטערישע טעג פון 1917, ווען אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין דער וועלט־מלחמה.

די „נ.ר.א." שטעלט זיך אַלץ קלאָרער אַרויס ווי אַ סיסטעם, וואָס דאַרף העלפּן מ י ל י ט אַ ר י ז י ר ן ד אָ ס ל אַ נ ד. העכער אַ ביליאָן דאָלאַר איז אויסגעגעבן געוואָרן אַף מיליטערישע צוועקן אין 1933. צענדליקער קריג־שיפן ווערן געבויט. דער ווינסאָן ביל פאַר נייע 750 מיליאָן דאָלאַר פאַר מיליטערישע צוועקן, וואָס דער קאָנגרעס האָט שוין אָנגענומען, באַוואָרנט דאָס בויען נייע 102 שיפן איבער דער ביז־איצטיקער פּראָגראַם. דריי הונדערט טויזנט יוגנטלעכע ווערן געהאַלטן אין לאַגערן (קעמפּס), כלומר'שט צו געבן זיי אַרבעט, אָבער זיי ווערן געהאַלטן אין אַ מיליטערישן רעזשים,

אונטער דער אויפזיכט פון זעקס טויזנט אָפיצערן. די אינדוסטריעס פון לאַנד זיינען איינגעטיילט געוואָרן אַף דיסטריקטן לויט אַ באַשטימטן מיליטערישן פּלאַן, כדי זיי זאָלן קאָנען שנעל מאָביליזירט ווערן אין פאַל פון מלחמה. די שטאָט־פּאַרוואַלטונגען פון אַמעריקע רעאָרגאַניזירן זיך אַף אַ מיליטערישער באַזע. אין דער שטאָט ניו־יאָרק, צום ביישפּיל, האָט דער פּאָליס־קאָמישיאָנער, גענעראַל אָ'רייען, איבערגעבויט די פּאָליציי אַף אַ מיליטערישן אופן. רעקרוטן פאַר דער פּאָליציי קריגן דעם זעלביקן עקזאַמען וואָס די „אינטעלידזשענס סוירוויס" פון דער אַרמיי האָט געגעבן אין 1917. די וואַך־שיפלעך, וואָס די שטאָט ניו־יאָרק פאַרמאָגט, זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער דער פאַרוואַלטונג פון אַן אַדמיראַל.

די גאַנצע מיליטאַריזאַציע, וואָס איז אַ צוגרייטונג פון דעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם פאַר דער פאַרמעסטונג מיט אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות אין קאַמף פאַר מערק, פאַר אַ נייער איינטיילונג פון די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער, פאַר אָפּרייסן שטיקער טעריטאָריע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, גייט האַנט אין האַנט מיט די פאַשיסטישע שטרעמונגען פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן מלוכה־אַפּאַראַט און טרייבן ווייטער צו פאַשיסטישער דיקטאַטור, אַף צו אונטערדריקן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. פאַשיזם איז נויטיק כדי בעסער אָנצוגיין מיט די מיליטערישע צוגרייטונגען.

דער עקאָנאָמישער נאַציאָנאַליזם און די פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציעס אונטער דער פאָן פון דער „נ.ר.א." האָבן געזוכט צו שאַפן דעם איינדרוק פון די *איינהייטלעכע אינטערעסן* פון דער נאַציע. דאָס אַריינציען אַרבעטער און פאַבריקאַנטן אין די פּאַראַדן האָט געדאַרפט שאַפן דעם איינדרוק, אַז ס'איז ניטאָ קיין קלאַסן־קאַמף. דאָס האָט געזאָלט „טעאָרעטיש" אַ קלאַפּ טאָן דעם מאַרקסיזם: פאַבריקאַנטן און אַרבעטער האָבן די זעלביקע אינטערעסן! און פּראַקטיש האָט מען אָנגעהויבן פאָדערן, אַז די אַרבעטער זאָל *ניט סטרייקן* — און מען האָט געבראָכן סטרייקס מיט דער הילף פון דער „נ.ר.א.".

גענעראַל היו דזשאַנסאָן, אַדמיניסטראַטאָר פון דער „נ.ר.א.", אַ מיליטאַריסט און אַן אַנטי־יוניאָן פאַבריקאַנט, האָט אַף דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדערייטשאָן אָוו לייבאָר אין אָקטאָבער, 1933, דערקלערט, אַז מען מוז אויסמיידן סטרייקס. דזשאַנסאָנ'ס געוועזענער אַדמיניסטראַטאָר פון דער „נ.ר.א." פון ניו־יאָרק, דער פאַשיסט גראָווער ווהעילען — פאָטער פון די פאַבריצירטע אַנטיסאָוועטישע „ווהעילען־דאָקומענטן", — האָט, ווען ער האָט אָנגעפירט מיט דער „נ.ר.א.", געזוכט צו ברעכן דעם סטרייק פון די שיךאַרבעטער, מעבל־אַרבעטער, און אַנדערע אַרבעטער. און אין פילאַדעלפיע זיינען טעקסטיל־אַרבעטער דערשאָסן געוואָרן אַף טויט, ווען זיי האָבן געפּיקעט אַ פאַבריק, וואָס האָט פאַרמאָגט אין די פענצטער דעם בלויען אָדלער פון דער „נ.ר.א.".

די בלוטיקע מעשים פון דער פּאָליציי איבערן גאַנצן לאַנד, צוזאַמען מיט דער בלוטיקער אַרבעט פון דער מיליטער, בשעת סטרייקס, דעמאָנסטראַציעס, איז אַ באַווייז פון דער פאַשיזירונג פון מלוכה־אַפּאַראַט. און בשעת דער מלוכה'שער פויסט לאָזט זיך ברוטאַל אַראָפּ אויף די קעפּ פון אַ נ ט י ־ נאַצישע דעמאָנסטראַנטן, ווערן נאַצישע דעמאָנסטראַנטן געשיצט און געשטיצט.

דער קראַך פון דער „נ.ר.א." וועט אָט־דעם פּראָצעס פאַרשאַרפן. פּאָליטיש האָט דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל שוין לאַנג פאָרמולירט אויפן זיין פּלאַן פון מלוכה־פאַרוואַלטונג דורך אַרויסרוקן דעם „סוואָפּ־פּלאַן". דער פּלאַן פון דזשעראַרד סוואָפּ, איינער פון די קעפּ פון „דזשענעראַל עלעקטריק" און וויכטיקע פיגור אין דער „נ.ר.א.", האָט אויפן פאָרגעשלאָגן, אַז די פאַרוואַלטונג (דיקטאַטור) איבער דער אינדוסטריע זאָל איבערגעבן ווערן צום אַפּאַראַט פון די אונטערנעמער, „די טשעימבערס אָוו קאָמערס". רוזוועלט'ס „נ.ר.א."־אַדמיניסטראַטאָר, דזשאָנסאָן, האָט דעם פּלאַן געשטיצט.

רוזוועלט און די היטלער־רעגירונג

די רוזוועלט־רעגירונג, וועלכע זשאָנגלירט ניט קיין שיינע פראַזן, האָט זיך אין דער באַציאונג צו היטלער־דייטשלאַנד אויפן אַרויסגעשטעלט ווי אַן אונטערשטיצער פון פאַשיזם. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע האָבן שאַרפע עקאָנאָמישע סכסוכים מיט דייטשלאַנד, און האָבן געזוכט צו פאַרשטאַרקן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, פאַרכאַפּן אויסלענדישן האַנדל, מיט דער הילף פון אַ געמאַכטער אַנטריסטונג קעגן די גוואַלד־אַקטן פון די נאַציס, — אין קעגנזאַץ צו אָט־די רעגירונגען איז די אַמעריקאַנישע רעגירונג מ י ט ק י י ן ש ו ם ה א נ ד ל ו נ ג , אָ ד ע ר אַ פ י ל ו א ו י ס ד ר ו ק , ניט אַרויסגעטראָטן קעגן היטלער'ן און זיינע מעשים. אַלע שתדלנות'ן פון אַמעריקאַנישן אידישן קאָנגרעס האָבן ניט געהאָלפן. דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז צוליב זיינע ביליאָנען דאָלאַרן אינוועסטמענטס אין דייטשלאַנד פאַראינטערעסירט אין היטלער'ס קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, קעגן קאָמוניזם, האָט אַרויסגעוויזן פ ר י י נ ט ־ ל ע כ ק י י ט און ג ע ש ט י צ ט דעם היטלער־רעזשים.

אַזוי האָט רוזוועלט געשיקט זיין פאַרטרעטער, דעם האַנדל־מיניסטער דעניעל וו. ראָופּער, ער זאָל ריידן אויפן נאַצי־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, ניו־יאָרק, דעם 6טן דעצעמבער, 1933, — כאָטש ווען דעם מיטינג האָט זיך זייער פיל געטומלט אין לאַנד (מיט אַ חודש פריער, פאַר די שטאָטישע וואַלן איז אַ געפּלאַנעוועטער נאַצי־מיטינג פאַרבאָטן געוואָרן פון דעם דעמאָלטיקן ניו־יאָרקער מעיאָר, אָ'בריען, וועלכער האָט אויסגערעכנט דורכדעם אַריינצוקריגן אידישע שטימען). דער מעדיסאָן סקווער. גאַרדן מיטינג איז געווען אַ נאַצי־דעמאָנסטראַציע, מיט „הייל היטלער", מיט דער סוואַסטיקאַ־

פאָן. היטלער׳ס אַמבאַסאַדאָר, לוטער, האָט גערעדט. די אַרויסטרעטונג פון רוזוועלט׳ס האַנדלס־מיניסטער אַף דעם מיטינג — נאָכאַמאָל: וועגן וועלכן עס האָט זיך שטאַרק געטומלט! — איז געוועזן אַן אויסגערעכנטער אַקט.

פונקט אַזוי זיינען ניט צופעליק די איינלאַדונגען, וואָס לוטער קריגט פון אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט, און ענלעכע וויכטיקע אינסטיטוציעס פון דער אַמעריקאַנישער בורזשואַזיע. דאָס זיינען אַלץ סימנים פון פאַשיזאַציע. און די אַלע פאַשיסטישע באַנדעס, וואָס וואַקסן ווי שוועמלעך, זיינען די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסדרוקן פון אָט־דער פאַשיזאַציע.

עס וואָלט ניט געהאַט קיין זין צו פּרובירן פאָראויסזאָגן, וועלכע פון די צענדליקער פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס עס וועט „אויסגעקליבן" ווערן פון דעם קאַפּיטאַליזם צו „פירן דעם פּאַראַד" פון פאַשיזם. מעגלעך, אַז אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי די „סילווער שוירטס", וועלכע שטייען איצט אין פאָדערגרונד, זאָלן אין אַ קורצער צייט אַרום פאַררעכנט ווערן צווישן די „קי־מען אָוו אַמעריקאַ" און אַנדערע פאַרשטאָרבענע פאַשיסטישע קערפּערשאַפטן. זייער מעגלעך, אַז דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם זאָל זיך פּרובירן שאַפן אַ באַזע דורך אַזאַ גרויסער מאַסן־אָרגאַניזאַציע, ווי דער אַמעריקאַן לידזשיאָן, — כאָטש דאָס וועט אָנקומען שווערער, ווייל דער אָפן־רעאַקציאָנערער און מיליטאַריסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך ניט איינמאָל אַרויסגעזאָגט קעגן יעדן פאַרזוך פאַר „ראַדיקאַלער" געזעצגעבונג, וועט זיין שווערער צו באַנוצן זיך מיט „ראַדיקאַלע" פראַזן, וואָס זיינען נויטיק ווען מען זוכט צו קריגן אַ באַזע צווישן דעקלאַסירטע קליינבירגער און ענלעכע עלעמענטן. איינס איז קלאָר: די פאַשיסטישע באַזע פאָרמירט זיך אַף אַ פּראָגראַם פון בלוטיקן קאַמף קעגן רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אַף אַ פּראָגראַם פון ברעכן סטרייקס, פאַגראָמירן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אַף אַ פּראָגראַם פון דיסקרימינאַציעס קעגן פרעמד־געבוירענע, באָיקאָט און פאַרפאָלגונגען קעגן אידן.

אַזוי איז אומעטום די שאָוויניסטישע, מיליטאַריסטישע דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל — פאַשיזם. זי מוז זיך אויסדריקן אין פאַרפאָלגונגען אַף נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. זי מוז ציען איר חיונה פון ראַסן־האַס. דאָס איז אַלעמאָל אַ מיטל צו פּרובירן אָפּפירן דעם צאָרן פון די עקספּלואַטירטע און הונגעריקע מאַסן אַף פאַלשע וועגן. זי מוז אַראָפּלאָזן אַלץ שטאַרקער איר בלוטיקן פויסט אַף די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע רופן די מאַסן כסדר ניט צו לאָזן זיך עקספּלואַטירן, צו קעמפן פאַר העכערע שכירות, פאַר רעליף.

אָט דערפאַר מוז אַלץ שטאַרקער סיגנאַליזירט ווערן די געפאַר! וואָס ברייטער עס ווערט די טעטיקייט פון די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אָפענער עס ווערט דער באַנקראָט פון דער „נ.ר.א." — אַלץ שטאַרקער מוז ווערן דער קאַמף קעגן פאַשיזם, אַ קאַמף אַף לעבן

און טויט, אַ קאַמף צו ב אַ ז י ג ן דעם פאַשיזם, איידער עס ווערט צו־שפּעט.

און פאַשיזם קאָ ן באַזיגט ווערן!

די פראַגע איז: ווי אַזוי? די פראַגע איז אויך: ווער זיינען די שותּפים פון פאַשיזם, וועמען מען מוז גלייכצייטיק באַקעמפן? ווער זיינען די, וואָס בעטן אוים דעם פאַשיזם אַ וועג?

4. די סאָציאַליסטישע און לעיבאָר־שותּפים פון פאַשיזם

די פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די „יונאַיטעד מאַין וואָירקערס״ (פאַראייניקטע קוילן־גרעבער) איז אַ פאָרשטייער פון די קוילן־מאַגנאַטן דערשינען אַף דער טריבונע פון דעם צוזאַמענפאָר פון דער יוניאָן אין אינדיאַנאַפּאָליס און האָט גערעדט וועגן די געמיינזאַמע אינטערעסן פון די קוילן־מאַגנאַטן און קוילן־גרעבער צו „ראַטעווען״ די „אינדוסטריע״. דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער, 1933, און אין מאַי, 1934, האָט מען פון דער טריבונע פון דעם צוזאַמענפאָר פון דער אַמאַלגאַמעיטעד (יוניאָן פון שניידער־אַרבעטער) געהערט באַגריסונגען פון שניידער־פאַבריקאַנטן. דאָ קומען מיר צו צו דער טעאָריע און פּראַקטיק פון פאַשיזם. און מען קאָן ניט פירן קיין קאַמף קעגן פאַשיזם, ניט נעמענדיק דאָס אין אַכט.

ווייל פאַשיזם איז ניט בלויז פּאָגראָמען, טעראָר. דאָס זיינען די אַבסאָלוט־אומבאַדינגטע פּראָדוקטן פון פאַשיזם. פריער קומט די טעאָרעטישע באַזע, אַף וועלכער דער פאַשיסטישער שטאַט ווערט געשאַפן. די באַזע איז — די אָפּלייקענונג פון קלאַסן־קאַמף. די באַזע איז — דער „פּרינציפּ״, אַז די אַרבעטער און די באַלעבאַטים האָבן איין אינטערעס, דעם „וואוילזיין פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע״, און קאָנען בײדע צוזאַמען ראַטעווען די לאַגע. די וואָס פּריידיקן און פּראַקטיצירן דעם „פּרינציפּ״ זיינען די פאָטערס פון פאַשיזם.

צווישן זיי דאַרף מען אַריינרעכענען פיל פון די פירער פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, באַזונדערס די הויפּט־פירער. נאָך אין גאָמפּערס׳עס צייטן האָבן זיי געלייקנט דעם קלאַסן־קאַמף. דער „ריינער״ טרעיד־יוניאָן קאַמף, מיט יאָרן צוריק, אַ קאַמף, וואָס איז אָפט געווען באַגלייט דורך בלוטיקע שלאַכטן (וועסט־ווירדזשיניאַ, קאָלאָראַדאָ, קענטאָקי) האָט אָבער אָפט געשטעלט די יוניאָנס און זייערע פירער אַף די פּאָזיציעס פון קלאַסן־קאַמף, אַפילו ווען זיי האָבן די טעאָריע פון קלאַסן־קאַמף געלייקנט. דער קאַמף

פאַר „בלויז" ברויט־מיט־פּוטער האָט אָפּט אָפּיציעל אַפילו געשטעלט די דאָזיקע יוניאָנס אין שאַרפער געגנערשאַפט צו די פאַר־איינען פון די פאַבריקאַנטן. די זעלביקע „יונאַיטעד מאַין וואָיר־קערס" האָט געהאַט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז קיינער פון אירע מיטגלידער טאָר ניט זיין קיין מיטגליד אין דער פאַבריקאַנטיש־פּאַטריאָטישער „נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן". דער באַשלוס, הגם אָפיציעל ניט אָפּגעשאַפט, איז שוין אָבער פון לאַנג פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ טויטן בוכשטאַב. די פירער פון דער „יונאַיטעד מאַין וואָירקערס", ווי פון דער גאַנצער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, גייען האַנט אין האַנט מיט די פאַבריקאַנטן און שפּילן אַליין אַן אַקטיווע ראָל אין די פאַרשיידענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, ווייס־גוואַרדייאישע, אָרגאַניזאַציעס.

דער **פירער** פון דער דערמאָנטער „נעשאָנאַל סיוויק פע־דערעישאָן" איז **מעטיו וואָל**, וויצע־פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר. ער איז **פּרעזידענט** פון דער „נ. ס. פ.". ערן־פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע איז דער „האַרטקעפּיקער" רעאַקציאָנער **עליהו רוט**. פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע איז **ראַלף מ. איזלי**, איינער פון די גיפטיקסטע שוואַרץ־מאַה'ניקעס אין לאַנד. אַן אַנדער שוואַרץ־מאַה'־ניק, **גראָווער וואַהעילען**, פאָטער פון די באַרימטע אַנטי־סאָוועטישע „וואַהעילען־דאָקומענטן", איז דער פאָרזיצער פון דעם „דעפּאַרטמענט פון געהיימע באַוועגונגען" פון דער „נ. ס. פ.". די פירער פון די יוניאָנס פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעי־באָר, איינגעשלאָסן די „סאָציאַליסטישע" פירער, זיינען דורך מעטיו וואָל און אַנדערע פאַרבונדן מיט וואַהעילען און איזלי אין זייער אַר־בעט. זיי אַליין, באַזונדערס טאַקע מעטיו וואָל, שטעלן זיך אָפּט בראש פון שוואַרץ־מאַה'דיקע קאַמפּאַניעס.

אין מאַי 1932 האָט דער „דעילי וואָירקער" געדרוקט פאָטאָ־גראַפיעס פון בריוו און „דאָקומענטן", וואָס מעטיו וואָל האָט אַלס פּרעזידענט פון דער „נ. ס. פ." אַרויסגעשיקט צו די מיטגלידער פון די „דזשודישיערי" (געריכט־וועזן) קאָמיטעס פון סענאַט און אונ־טערשטן הויז. צוזאַמען מיט דעם בריוו, דאַטירט אַפּריל 30, 1932, האָט וואָל געשיקט אַ פאָטאָגראַפיע־קאָמפּאָזיציע פון אויסשניטן פון פאַרשיידענע צייטונגען וועגן טעראָריסטישע אַקטן (וואַרפן באָמבעס, אונטערצינדן). אין דעם בריוו זיינעם ניט וואָל אָנצוהערן, אַז דאָס זיינען אַקטן פון „קאָמוניסטישער אָדער אַנדער געהיימער טעטיקייט". וואָל'ס צוועק איז געווען צו דערשלאָגן זיך רעפּרעסיעס און פאַרפאָל־גונגען קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

עס וואָלט געווען לעכערלעך צו זאָגן, אַז וואָל טוט זיין אַרבעט „פּערזענלעך". וואָל פאַרטרעט אין דער „נ. ס. פ." די **פירער־שאַפט** פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לעיבאָר. גרין, וועלכער איז אַ מיטגליד אין דער „יונאַיטעד מאַין וואָירקערס", האָט אין 1924, ווען גאָמפּערס איז געשטאָרבן, ניט געקאָנט פאַרנעמען

זיין אָרט אין דער „נ. ס. פּ.“ צוליב דעם דערמאָנטן באַשלוס. מעטיו וואָל פאַרטרעט אין דער „נ. ס. פּ.“ גרינ'ען.

וויליאַם גרין קאָן ניט אויפהערן *רייד*ן וועגן קאַמף קעגן די נאַציס. אַפילו ווען די רייד וואָלטן באַגלייט געווען מיט וועלכע עס איז *מעשים* וואָלט דער ווערט דערפון געווען — נול, נעמענדיק אין אַכט, אַז די גרינס העלפן טעאָרעטיש און פּאַקטיש באַפעסטיקן דעם פּאַשיזם אין אַמעריקע. אָבער ניט נאָר זיינען ניטאָ קיין מעשים *קעגן* די נאַציס — עס זיינען דאָ מעשים *פאַר* די נאַציס.

אין נאָוועמבער 1933 איז אין אמעריקע פאַרשפּרייט געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישער בוך: „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד“. דער בוך איז געווען געדרוקט אין דייטשלאַנד, אָבער דאָ האָט מען צו אים צוגעגעבן אַ פאָררעדע, אונטערגעשריבן פון ראַלף איזלי, האַמילטאָן פיש, מעטיו וואָל, און אַנדערע. איזלי האָט געהאָלפן *אומזיסט* פאַרשפּרייטן דעם בוך אין אַמעריקע. ער האָט געשיקט אַ גרויסע צאָל עקזעמפּלאַרן צום כוליגאַנישן פירער פון די „סילווער שוירטס“, פּעלי (זע „דזשוּאיש דעילי בולעטין“, אַפּריל 26, 1934).

וואו האָבן איזלי און וואָל גענומען דאָס געלט? ווער האָט זיי געגעבן די ביכער?

דער פאַרבאַנד צווישן די פירער פון דער „נ. ס. פּ.“ און די נאַציס, „סילווער שוירטס“ און אַנדערע פּאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס איז אַ צו־אָפּענער, אַז מען זאָל אים דאַרפן צופיל באַווייזן. וואָס שייך איזלי'ן, האָט ער דורך זיין ווייב, גערטרוד ביקס איזלי, געהאַט אָנגעשריבן *אַ סעריע אַרטיקלען פאַר דער נאַצישער צייטונג* „אַמעריקאַס דויטשע פּאָסט“ („דויטשער בעאָבאַכטער“), איינע פון די געמיינסטע נאַצישע פּאָגראָם־בלעטלעך אין ניו־יאָרק. אָבער די גאַנצע נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן אַרבעט כסדר אין קאָנטאַקט מיט אַ ריי פּאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. צווישן זיי זיינען דאָ די „סילווער שוירטס“, „אַמעריקאַן ווידזשילענט אינטעלידזשענס פעדערעישאָן“, „בעטער אַמעריקאַן פעדערעישאָן“, „נעשאָנאַל סעקיוריטי ליג“, „אַמעריקאַן דעפענס סאָסייעטי“ און אַנדערע. וואָל, איזלי, ווהעילען און די אַנדערע אַרבעטן אויך מיט די *צאַרישע ווייס־גוואַרדייער*.

די „טאַימס“ און „טריביון“ האָבן דעם 18טן יאַנואַר, 1932, דערציילט וועגן אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלדאָרף אַסטאָריאַ האָטעל (ניו־יאָרק) צו באַטראַכטן מיטלען אין קאַמף קעגן קאָמוניזם. אַף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען פאַרטראָטן אַרום פופציק פּאַטריאָטישע (פּאַשיסטישע) געזעלשאַפטן, צווישן וועלכע עס האָבן פיגורירט די נאָר־וואָס דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס (חוץ די „סילווער שוירטס“, וועלכע האָבן נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט). די פּאַשיסטישע „קימען אָוו אַמעריקאַ“, די „היראָוס אָוו 76“, די „דאָטערס אָוו דהי

אַמעריקאַן רעוואָלושיאָן", דער „אַמעריקאַן לידזשיאָן", און — די אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר! צוזאַמען מיט איזלי, האַמיל־טאָן פיש און אַנדערע מיטגלידער פון דער דעמאָלטיקער „פיש־קאָמיטע", איז צווישן די הויפּט־מאַכערס אַף דעם צוזאַמענקונפט געווען געאָרג ד ז ש אַ מ ג אַ ר אָ ו ו, איינער פון די פירער פון די צאַרישע ווייס־גוואַרדייאישע באַנדעס אין ניו־יאָרק. דזשאַמגאַראָוו האָט אין 1924 געהאָלפן אַראָפּברייננגען אַהער די „גרויס־פירשטין" קיריל, וועלכע האָפט צו זיין צאַרינאַ . . . ער איז געווען די פירנדיקע האַנט באַם פאַבריצירן די „ווהעילען־דאָקומענטן" און פאַרנעמט זיך מיט שפּיאָנירן אַפן „אַמטאָרג". דער נפש, אַ געוועזענער צאַרישער קאָזאַקן־אָפיציר, איז עס געווען דער איינאָרדענער פון צוזאַמענקונפט פון דער שוואַרצער מאה אין אַמעריקע. און דאָ האָט פיגורירט די אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר!...

צווישן די מיטלען אין קאַמף קעגן קאָמוניזם האָט מען אַף דעם צוזאמענקונפט פאָרגעלייגט אַזעלכע: פאַרווערן די קאָמוניסטישע און קאָמוניסטיש־פאַרדעכטיקטע אויסגאַבן צו באַנוצן זיך מיט דער פּאָסט, אַרויסשיקן „פאַרדעכטיקטע פרעמדע" פון לאַנד, א. אז. וו.

דעם 15טן נאָוועמבער, 1933, האָט וויליאַם גרין, אין נאָמען פון עקזעקוטיוו־ראַט פון דער א. פ. אָוו ל., צוגעשטעלט פרעזידענט רוזוועלט אַ מעמאָראַנדום פון 178 זייטן, וואו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז באַשולדיקט געוואָרן אין די ערגסטע פאַרברעכנס, איינגע־שלאָסן מאָרד. ווידער, אין אַפּריל, 1934, האָט מעטיו וואָל, שוין אין נאָמען פון דער „נעשאָנאַל סיוויק פעדערעישאָן" צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום צום סטעיט־סעקרעטאַר קאָרדעל האָל, וואו גרינ׳ס פּראָוואָקאַציעס זיינען ווידערהאָלט געוואָרן!

די אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר איז אַלעמאָל צווישן די ערשטע ווען עס קומט צו פאַשיסטישע פּראָוואָקאַציעס. די א. פ. אָוו ל. פירערשאַפט איז אַלעמאָל געווען קעגן אימיגראַציע און איז צום טייל אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. דאָס שטימט מיט איר קרובה׳שאַפט מיטן פאַשיזם.

די פאַרטרעטער פון דער פעדערעישאָן פעלן אויך ניט אַף פאַ־שיסטישע פאַראַדן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דזשאָזעף א. ראַיען, פאָרזיצער פון סענטראַל לעיבאָר קאונסיל פון ניו־יאָרק, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמיטע צו באַגעגענען מוסאָליני׳ס שליח באַלבאָ, ווען יענער איז געקומען אַהער צופליען אין 1933.

מעטיו וואָל, ווהעילען און די סאָציאַליסטן

די שוואַרץ־מאה׳ניקעס, וואָס שטייען אין דירעקטער פאַרבינ־דונג מיט נאַצישע און צאַרישע פאָגראָמשטשיקעס ווערן אָבער אַריינ־געפירט צווישן די אַרבעטער אויך מיט דער הילף פון די סאָציאַ־ליסטישע פירער!

די פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וועלכע פלעגט אַמאָל, אין די צייטן פון יודזשין דעבס, זיך שפּילן אין אָפּאָזיציע קעגן גאָמפּערס און וואָל, און האָט נאָך אין סוף פון 1928 און אין אָנהויב 1929, פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען (ניט אין „פאָרווערטס" — אין וועכנטלעכן „ניו־לידער") קעגן מעטיו וואָל, שטייט איצט אין ענגן פאַרבאַנד מיט דער פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, און איז די אַגענטור פון אָט־דער פירערשאַפט צווישן יענע אַרבעטער פאַר וועמען מען דאַרף באַנוצן אַ סאָציאַליסטישע פראַזע. מעטיו וואָל איז אַן אייגענער מענטש באַ דער „סאָציאַליסטישער" יוניאָן־פירערשאַפט. ער האָט אָנגעפירט מיטן פּאָגראָם אַף די פוטערוואַרג־אַרבעטער (פאָריער) אין ניו־יאָרק, כדי צו פּרובירן אַריינצוזעצן אין דעם פאַך „סאָציאַליסטן" אַלס פירער. וואָל זעט זיך אָן אַף „סאָציאַליסטישע" שמחות, למשל — אַפן באַנקעט פון אב. קאַהאַן, ווען יענער איז אַלט געוואָרן 70 יאָר.

צוזאַמען מיט מעטיו וואָל — פּרעזידענט פון דער „נ. ס. פ." און איזלי'ס שותף — איז באַ די „סאָציאַליסטישע" פירער אָנגעלייגט גראָוועָר וועהילען. אויך אים פירן זיי אַריין צווישן די אַרבעטער.

אַף דער פאַרזאַמלונג צו פייערן דעם „זיג" פון דעם „נראַ"־סטרייק באַ די דרעסמאַכער, אין אָקטאָבער 1933, האָבן די סאָציאַליסטן אַרויפגעפירט אַף דער סצענע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן דעם דעמאָלטיקן „נראַ"־פירער אין ניו־יאָרק, גראָווער וועהילען, און אים אָרגאַניזירט אַ גרויסע אָוואַציע. דאָס איז, אמת, געווען נאָר איין שטריך אין דער גאַנצער אַרבעט פון די „סאָציאַליסטישע" פירער צו פּאָפּולאַריזירן די מיט פאַשיזם שוואַנגערנדיקע „נראַ" צווישן די אַרבעטער. דער אַרויסטריט פון אַזאַ פּערזאָן ווי גראָווער וועהילען אַף אַ מיטינג פון צוואַנציק טויזנט אַרבעטער האָט אָבער שאַרף כאַראַקטעריזירט סיי די „נראַ" און סיי די סאָציאַליסטישע פירער. צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטישע פירער פון דער יוניאָן זיינען זייט באַ זייט מיט וועהילענ'ען געווען אַף דער טריבונע אַב. קאַהאַן און נאָרמאַן טאָמאַס (אַף דעם מיטינג האָט עס קאַהאַן דערקלערט, אַז רוזוועלט וואָלט געקאָנט ווערן אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי).

וויפיל די סאָציאַליסטישע פירער זאָלן ניט רײדן וועגן קאַמף קעגן פאַשיזם—העלפן זיי אויסבעטן דעם וועג פאַר די וואָלס, וועהילענס, איזלים און פאַר זייערע פאַרבינדעטע צווישן די „סילווער שוירטס", „קי מען" און — די נאַציס, פאַר וועמען מעטיו וואָל, וועהילען און איזלי פאַרשפּרייטן אַנטי־קאָמוניסטישע און אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור. וואָל, איזלי, און וועהילען זיינען דאָ די רינגען וואָס פאַרבינדן די צוויי פליגלען פון דער בורזשואַזיע: דעם סאָציאַל־פאַשיסטישן און דעם פאַשיסטישן.

פאַשיזם און נאַציזם אין מילוואָקי

פאַר די נאָוועמבער־וואַלן (1933) האָט זיך אין ניו־יאָרק גע־טומלט מיט א נאַצי־מיטינג, וואָס האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין איינער פון די שטאָטישע קאַזאַרמעס. פאַרשיידענע אידישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, איינגעשלאָסן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, האָבן געפאָדערט פון דעם דעמאָלטיקן מעיאָר, אָ'בריַיען, ער זאָל פאַרבאָטן דעם מיטינג. צוליב דער אויסרעכענונג צו קריגן אידישע שטימען האָט אָ'בריַיען דעם מיטינג פאַרבאָטן. דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער ס. פּ., „ניו לידער", האָט דעם 28טן אָקטאָבער (1933) דערקלערט, אַז אַ סאָציאַליסטישער מעיאָר פון ניו־יאָרק וואָלט נ י ט פאַרבאָטן דעם מיטינג. און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דורך איר מעיאָר אין מילוואָקי, באַווייזט, אַז דאָס איז סתם גערעדט.

אין האַרבסט 1933 איז געקומען קיין מילוואָקי, אַף אַ צוזאַמענ־קונפט אין באַנקירן־קלוב, היטלער'ס אַמבאַסאַדאָר לוטער (מילוואָקי איז אַ גרויסער דייטשער צענטער). די אַנטי־פאַשיסטן, אָנגעפירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן פאַרלאַנגט אַ דערלויבעניש פאַר אַ דעמאָנסטראַציע. אַזאַ דערלויבעניש איז נ י ט געגעבן געוואָרן. ווען די אַרבעטער האָבן דעמאָנסטרירט אָן דער דערלוי־בעניש, האָט די פּאָליציי איבער זיי געמאַכט אַ בלוט־באָד. א י י ן אַ ר ב ע ט ע ר א י ז ג ע ש ט אָ ר ב ן פ ו ן ד י וו אוּ נ ד ן.

אין מילוואָקי איז ניט נאָר דער מעיאָר אַ סאָציאַליסט (האָאַן). אויך דער שטאָטישער פּראָקוראָר (ראַסקין) און דער שטאָטישער שעריף (בענסאָן) זיינען סאָציאַליסטן. דער פּאָליציי־קאָמישיאָנער ווערט באַשטימט פונם מעיאָר. דורכדעם, און נאָכמער דורכן קאָנ־טראָל איבערן ביודזשעט, האָט דער מעיאָר פאַקטישן קאָנטראָל איבער דער פּאָליציי. אָבער אָט־די פּאָליציי, וועלכע שפּאַלט נ י ט די קעפּ פון נאַצים, שפּאַלט די קעפּ פון אַנטי־נאַצים.

אין דער זעלביקער שטאָט גייט אַרום די טעגלעכע „ד ו י ט ש ע צ י י ט ו נ ג", וועלכע מאַסקירט זיך ווי אַן אומפּאַרטייאישע. אַ שמועס מיט דעם רעדאַקטאָר און איין קוק אין עטלעכע נומערן פון דער ציַיטונג (ווען איך בין געווען אין מילוואָקי, אין יאַנואַר) האָט מיר איבערציַיגט, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַ נ אַ צ י־ש ע ר ציַיטונג. דאָס איז שוין פריער אויך געווען באַשטעטיקט אָפיציעל פון אַ קאָמיסיע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דעם 9טן אָקטאָבער (1933) האָט די עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי אין מילוואָקי באַשטימט אַן אויספאָרשונג־קאָמיסיע, און דעם 11טן פון דעם חודש האָט זי שוין אַריינגעבראַכט אַ באַ־ריכט, אין וועלכן עס איז אויסגעפירט געוואָרן:

„די קאָמיטע געפינט, נאָך אַ באַטראַכטונג פון עקזעמ־פּליאַרן פון דער „דויטשער ציַיטונג", אַז זי (די ציַיטונג) האַלט זיך שטאַרק אָן דער דייטשער נאַציאָנאַליסטישער פּאָזיציע און שטיצט דעם איצטיקן פאַשיסטישן רעזשים אין דייטשלאַנד

אַף אַ פֿאַרשטעלטן אופֿן דורך די נייעס און לייט־אַרטיקלען — דורך דעם, וואָס זי דרוקט, אָבער נאָכמער דורך דעם וואָס זי דרוקט ניט".

עס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל צייט און אָרט אויסצורעכענען וואָס פֿאַר אַ סאָרט פֿאַשיסטישע זאַכן די „דויטשע צייטונג" האָט געדרוקט און וואָס פֿאַר אַ סאָרט אַנטי־פֿאַשיסטישע זאַכן זי האָט ניט געדרוקט. די באַשטעטיקונג פֿון אַ קאָמיסיע פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אין דעם פֿאַל פֿון באַזונדערער באַדייטונג, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פֿראַגע: צי זאָל די „דויטשע צייטונג" ווייטער געשטיצט ווערן פֿון פּאַרטיי־מיטגלידער און פּאַרטיי־טוער (דערפֿון איז קלאָר, אַז די צייטונג האָט צו פֿאַרדאַנקען איר עקזיס־טענץ דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי). די קאָמיסיע האָט דערקלערט, אַז די צייטונג האָט „פֿאַרבראָכן קעגן דעם צוטרוי פֿון דער פּאַרטיי" און דאַרף אַף ווייטער ניט געשטיצט ווערן.

די זעלביקע קאָמיסיע האָט אָבער „פֿאַרזען", אַז אָט־די צייטונג, וואָס „שטיצט דעם איצטיקן פֿאַשיסטישן רעזשים אין דייטשלאַנד", ווערט געדרוקט אין דער דרוקעריי פֿון דעם „מילוואָקי לידער", איינציקע טעגלעכע סאָ־ציאַליסטישע צייטונג אַף ענגליש אין אַמעריקע, אַ דרוקעריי, וואו דער אידישער „פֿאָרווערטס" איז אַ שותּף!...

אין דער סאָציאַליסטישער דרוקעריי ווערט די צייטונג געדרוקט און אין דער סאָציאַליסטישער געביידע פֿון „מילוואָקי לידער", וואו עס געפֿינען זיך די קאָנטאָרן פֿון די יוניאָנס און איז דער גרעסטער אַרבעטער־צענטער אין שטאָט, געפֿינט זיך אויך די רעדאַקציע און קאָנטאָר פֿון דער נאַצי־צייטונג — אין דער סאַמע געדיכטעניש פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט! אַלע אויפֿדעקונגען וועגן דער דאָזיקער הילף, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גיט דעם נאַציזם אין אַמעריקע, האָבן ניט געהאָלפֿן. די פֿאַשיסטישע צייטונג געפֿינט זיך נאָך אַלץ אין „מילוואָקי לידער".

אַנטיסעמיטיזם אין דער סאָציאַליסטישער „פּראָגרעסיוו מאַינערס"

די סאָציאַליסטישע פֿירער פֿון מילוואָקי טוען נאָר אַף אַן אַנדער אופֿן די אַרבעט וואָס עס טוען אין ניו־יאָרק די אונטער־פֿירער פֿון וואָל און ווהעילען. זיי בעטן אויס דעם פֿאַשיזם דעם וועג. אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע ערטער זעט זיך צווישן די פֿירער ניט אָן דער אַנטיסעמיטיזם, ווייל די מייסטע פֿון זיי זיינען דאָ אידישע. דערפֿאַר האָבן די סאָציאַליס־טישע פֿירער אין דער „פּראָגרעסיווער מאַינערס יוניאָן" אַריינגע־טראָגן אין דער אַרבעט פֿון דער יוניאָן אי פֿאַשיזם און אי אַנטי־סעמיטיזם.

אין דער יוניאָן איז געווען טעטיק פּאַוערס העפּגוד, מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע פון דער ס. פּ. פּאַרטיי. דאָ זיינען אויך טעטיק מאָסטי־אָנהייגער. נאָרמאַן טאָמאַס האָט זיך געהאַט איינגעריסן מיט דער „הילקוויט־פראַקציע" אין דער ס. פּ. פאַר זיין הילף די „פּראָגרעסיוו מאַינערס" (די יוניאָן איז אין קאַמף מיט לואיס'עס „יונאַיטעד מאַין וואָירקערס"). אָבער די פירערשאַפט פון דער „פּראָגרעסיווער" און „סאָציאַליסטישער" יוניאָן האָט אָנגע־הויבן לאָזן הערן אַנטיסעמיטישע טענער. צי דאָס איז אַ מיטל אויפצוהאַלטן באַ זיך — אָדער אַריינכאַפּן — די קוילן־גרעבער, וועלכע זיינען צום טייל פון דייטשער אָפּשטאַמונג, איז אַן אַנדער ענין. וויכטיק איז — אַנטיסעמיטישע און נאַצישע טענער לאָזן זיך הערן. אין דער געגנט וואו די יוניאָן איז טעטיק איז שטאַרק די נאַצישע „פריינד פון נייעם דייטשלאַנד". און אין דעם אָרגאַן פון דער יוניאָן, „פּראָגרעסיוו מאַינער", איז אין אַ לייט־אַרטיקל אין פאַרבינדונג מיט דער „באַרימטער" דערקלערונג פון דעם שול־פאַרוואַלטער ווירט פון גערי — אַז רוזוועלט איז אַ קערענסקי — געזאָגט געוואָרן דאָס פאָלגנדיקע:

„דער איינציקער וועג ווי אַזוי אַמעריקע וועט אויסגעהיילט ווערן פון דעם געלן פיבער וואָס די **אינטערנאַציאָ־נאַלע גענגסטערס** און זייערע געציינ אין די סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין אַמעריקע האָבן געבראַכט, איז דורך דערשלאָגן זיך אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג פון די אור־זאַכן פאַרוואָס אַמעריקאַנישע אַרבעטער, אין דער אינדוסטריע און אַגריקולטור, ווערן געהאַלטן אָן אַרבעט, כדי דאָס זאָל העלפן דער אויסלענדישער אינדוסטריע און אַגריקולטור, און כדי מען זאָל קענען אַריינדרינגען אין אַמעריקאַנישע מערק דאָ און אין אויסלאַנד. (ציטירט פון „דזשואיש דעילי בולעטין", אַפּריל 24, 1934).

דער גאַנצער „געדאַנקען"־גאַנג און דער לשון אַפילו איז דאָ אַזוי ענלעך צו דעם, וואָס עס שרייבט פּעלי (פון די „סילווער שוירטס"), אַז איר הויבט זיך אָן צו וואונדערן, צי די שורות זיינען ניט אַמאָל איבערגעשריבן געוואָרן פון „ליבערעישאָן", אָדער צי פּעלי'ס האַנט האָט זיי ניט אַמאָל צוגעשטעלט.

אַף וויפיל די אַלע מעשים פון דער סאָציאַליסטישער פירער־שאַפט ווערן אָפּגעשאַצט פון די פאַשיסטן, שוואַרץ־מאה'ניקעס, נאַצים, איז צו זען ניט נאָר פון די גוטע מיינונגען, וואָס אַזעלכע ווי וואָל, וו־העילען און זייערע שותפים האָבן וועגן דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. דאָס פאָלגנדיקע האָט פּאַסירט אין דעם שטאָל־צענטער פון אַמעריקע, פּיטסבורג, וואָס פאַרמאָגט אין זיך זייער אַ גרויסע באַדייטונג.

דעם 6טן מאַי (1934) האָט די דאָרטיקע דייטש־אַמעריקאַנישע נאַצישע געזעלשאַפט אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג, אַף וועלכן מען האָט פאַרעפנטלעכט אַ צעטל קאַנדידאַטן פון פּאָליטישע פּאַרטייען וועמען

די געזעלשאַפט גיט איר אָפּיציעלע שטיצע (עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די פּראַימערים צו די שטאָטישע און שטאַט־וואַלן). אין דעם פאַרעפנטלעכטן צעטל האָבן זיך געפונען אַלע קאַנדידאַטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי!

די פּיטסבורגער צייטונגען האָבן אַף מאָרגן דערציילט די „סענסאַציע", אַז אַף דעם מיטינג וואו עס האָט גערעדט היטלער'ס אָרטיקער וויצע־קאָנסול, לאָיבעל, און וואו מען האָט געשריען „הייל היטלער", האָט מען געשטיצט קאַנדידאַטן, וואָס זיינען סאָציאַליסטן און אידן...*)

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז זי וויל ניט די שטיצע פון די נאַצים, און דאָס איז נאַטירלעך פאַר אַ פּאַרטיי, וואָס זוכט אירע שטימען צווישן די אַרבעטער, צווישן די אידן. די נאַצים האָבן דערויף געענטפערט, אַז זיי פרעגן ניט אָן דער אָדער יענער פּאַרטיי, צי זיי זאָלן שטיצן די אָדער יענע קאַנדידאַטן. זיי שטיצן קאַנדידאַטן וואָס זיינען לויט זייער מיינונג ווערט געשטיצט צו ווערן, און דאָס איז אַלץ.

יאָ, און דאָס איז אַלץ. דער פאַקט, אַז די נאַצים האָבן געשטיצט די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן רעדט אומגעהויער פיל!

די אַלע מעשים פון דער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט, וועלכע העלפט אויסבעטן אַ וועג דעם פאַשיזם אין אַמעריקע — ווי די זעלביקע פירערשאַפט האָט עס געטאָן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, און אַנדערע לענדער, — דרינגען אַרויס פון דעם סאָציאַלפאַשיסטישן טעאָרעטישן באָדן אַף וועלכן זי געפינט זיך. דאָס איז קודם די טעאָריע וועגן דער „פרידלעכער אַריינוואַקסונג" אין סאָציאַליזם, אין די ראַמען פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. אַזוי ווי דער פאַשיזם איז אַן אַרויסוואוקס פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, איז אומפאַרמיידלעך, אַז די סאָציאַליסטישע פירערשאַפט זאָל העלפן דעם פאַשיזם אַרויסוואַקסן.

דורך איר גאַנצער פּאָליטישער ליניע, דורך איר גאַנצער טאַקטיק, שמידט אויס די סאָציאַליסטישע פירערשאַפט אַלץ אַ פעסטערן פאַראייניקטן פראָנט צווישן זיך און די פאַשיסטישע כוחות, וועלכע ווערן אויסגעהאָדעוועט דורך די געזעצן און אינסטיטוציעס פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. די ביטערע אַטאַקעס פון די סאָציאַליסטישע פירער אַפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, זייערע מערדערלעכע אַטאַקעס, מיט דער הילף פון דער אונטערוועלט, אַף קאָמוניסטישער פירערשאַפט אין געוויסע יוניאָנס, זייער אומאויפהערלעכער קאַמף קעגן קאָמוניסטן און לינקע, שטעלט זיי צו אָפּט אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער אַמעריקאַנישער שוואַרצער מאה. וואָל, פיש, וועהילען און איזלי קאָנען נאָר קלייבן

---

*) פאָטאָגראַפיע פון דעם באַריכט אין דער פּיטסבורגער „פּאָסט־גאַזעט" — אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 13טן מאַי.

נחת צוזעענדיק ווי די סאָציאַליסטישע פירער קעמפן זייער קאַמף מיט אזא פּאַרביסנקייט.

דער פּיטסבורגער פאַל איז דאָ ווידעראַמאָל כאַראַקטעריסטיש. דער פאַרבאַנד צווישן די נאַציס און די פירער פון דער ס. פּ. איז דאָ אויסגעשמידט געוואָרן ווען לאָרד מ אַ ר ל י איז געווען אין דער שטאָט און איז ארויסגעטראָטן אַף אַן אַנטי־פאַשיסטישן מיטינג. מאַרלי איז דעמאָלט אַטאַקירט געוואָרן פון צוויי פליגלען: דעם נאַצישן און דעם „סאָציאַליסטישן", — שטאַרקער און געפערלעכער פון דעם לעצטן, ווייל די „סאָציאַליסטן" ווירקן צווישן אַנטי־פאַשיסטישע און אַנטי־נאַצי עלעמענטן, צווישן ארבעטער און אידן, ווייל די „סאָציאַליסטן" באַנוצן אַנטי־נאַצי פראַזן. פאַר דער דאָזיקער ארבעט האָבן די פּיטסבורגער „סאָציאַליסטן" געקראָגן פון די נאַציס זייער פאַרדינטע אָנערקענונג...

די זעלביקע אָנערקענונג האָט אָן ספק געזוכט דער מעיאָר פון מילוואָקי, האָאַן, מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וועלכער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער מאַרלי־קאָמיסיע אין דעם טאָג, ווען מאַרלי איז אָנגעקומען אין מילוואָקי (פעב. 12, 1934). ער איז ספּעציעל אַפּגעפאָרן פון שטאָט, כדי ניט צו געבן זיין פאַרטיי־קאָלעגע פון ענגלאַנד די אָפיציעלע אויפנאַמע באַם סיטי האָל, וואָס דער זעלביקער „סאָציאַליסטישער" מעיאָר האָאַן האָט שפּעטער מיט זעקס וואָכן (28טן מערץ) געגעבן דעם פּוילישן פּאָגראָם־גענעראַל ה אַ ל ע ר ...

„מ ע י אָ ר ס נ אָ ב ס ל אָ ר ד מ אַ ר ל י", האָבן די מילוואָקיער צייטונגען אַף מאָרגן, נאָכדעם ווי מאַרלי איז אָנגעקומען, דערציילט אין ריזן־קעפּ. אָט־די קעפּ, צוזאַמען מיט די ריזן־קעפּ וועגן דער בלוטיקער אַטאַקע אַף דער אַנטי־פאַשיסטישער דעמאָנ־סטראַציע ווען לוטער איז געקומען, וועלן האָאַנ'ען געוויס אַנטקעגנ־קומען אין די קומענדיקע וואַלן...

האָאַן איז ניט דער איינציקער מיט זיינע נאַצי־מעשים. דער „סאָציאַליסטישער" מעיאָר פון ברידזשפּאָרט, מאַקליווי, ביז יוני (1934) אויך אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע פון דער ס. פּ., האָט אין אַפּריל געהאַט באַשטימט אַן אָפיציעלע אויפנאַמע פאַר די נאַצישע באַאַמטע פון דער דייטשער שיף „אייראָפּאַ". נאָך דער פּראָטעסט פון די אַנטי־פאַשיסטן, אָנגעפירט פון דער קאָמוניס־טישער פאַרטיי, האָט געצוואונגען דעם מעיאָר — ניט צוריקצורופן די אויפנאַמע, נאָר — אַפּצופאָרן פון שטאָט און לאָזן אימיצן פון זיינע געהילפן געבן די נאַציס די "פרייהייט פון דער שטאָט".

עס האַנדלט זיך, הייסט עס, וועגן אַ ליניע. אזוי האָאַן, אזוי מאַקליווי, און — אזוי נאַצי־פריינטלעך וואָלט געהאַנדלט אַ „סאָ־ציאַליסטישער" מעיאָר פון ניו־יאָרק, ווי דער „ניו לידער" האָט פאַראויסגעזאָגט אין אָקטאָבער, 1933.

5. די אידישע שותפים פון פאַשיזם

דאָלפוס-אידן

מען ווייס וועגן היטלער־אידן. מען ווייס וועגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע טוט פראַנק און פריי איר ארבעט אין היטלער־דייטשלאַנד, און ווערט באַשיצט פון היטלער׳ס פּאָליציי. עס האַנדלט זיך אָבער ניט וועגן איין „סאָרט" אידן, און עס האַנדלט זיך ניט וועגן אַזעלכע וואָס זיינען „געצוואונגען" צו שטיצן היטלערן...

אין עסטרייך האָבן אידן געהאָלפן דאָלפוסן דערשטיקן דעם אַרבעטער־אויפשטאַנד. אַף אַזוי ווייט, אַז דער ציוניסטישער „טאָג" (ניו־יאָרק) איז געווען געצוואונגען צו דרוקן דעם 9טן אַפּריל אַן אַרטיקעל אונטער אַ קאָפּ: „ווי אידישע פירער פון ווין האָבן געשפּילט אַ שענדלעכע ראָלע אין דער דאָלפוס־פּאָליטיק". דער שרייבער, ב. סמאָליאַר, געטריי צו זיינע ציוינסטישע באַלעבאַטים, רעדט אָבער וועגן „געוויסע אידן", וואָס האָבן גע׳מסר׳ט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „איטאַ" אין זייער ארבעט צו העלפן דאָלפוסן. ער שאַפט דעם איינדרוק, אַז עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס עטלעכע „משומדים", „פאַררעטער פון אידישן פאָלק". ער האָט אינגאַנצן פאַרשוויגן, אַז בראש פון די „געוויסע אידן" שטייען: דער פּרעזידענט פון דער ווינער אידישער קהילה, ר. פרידמאַן, און דער פירער פון דער ציוינסטישער אָרגאַניזאַציע אין עסטרייך, דר. ראָבערט שטריקער...

פאַרשטייט זיך שוין, אַז עס האַנדלט זיך פּראָסט־פּשוט וועגן אידישן פאַשיזם, וואָס האָט זיין באַזע אין דער ציוננניסטישער באַוועגונג. עס האַנדלט זיך אויך ניט וועגן עפּעס, וואָס איז פּלוצלונג אַרויפגעשוואומען אין די בלוטיקע פעברואר־טעג, נאָר וועגן אַ פּאָליטיק, וואָס איז שוין פון לאַנג געפירט געוואָרן.

די ציוניסטישע אידן אין ווין האָבן שוין פון לאַנג געהאַט געשאַפן אַ אידישע אָפּטיילונג באַ דער פאַשיסטישער היימווער. געפּלאַנעוועט האָט מען צו געבן די אָפּטיילונג אַ נאָמען „בר־כוכבא", אָבער דאָס האָבן שוין די היימווער־לייט ניט געוואָלט. איז פּשוט געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע פון „געוועזענע אידישע פראָנט־קעמפער", וועלכע איז געווען אַ טייל פון פאַשיסטישן פראָנט. בעת די פעברואר־שלאַכטן, האָט די אָרגאַניזאַציע פאָרגעלייגט דאָלפוסן איר דינסט אין העלפן דערשטיקן דעם אַרבעטער־אויפשטאַנד. די דערמאָנטע „אידישע פירער", דר. פרידמאַן און דר. שטריקער, האָבן אַרויסגעלאָזט אויפרופן צו דער אידישער באַפעלקערונג זיי זאָלן

העלפן דאָלפוסן און די היימווער. נאָך די קאַמפּן האָט די אידישע קהילה אונטערגעטראָגן דאָלפוסן פינף טויזנט שילינג פאַר די „געליטענע" זשאַנדאַרמען און פאַשיסטן.

די גאַנצע בורזשואַזע פרעסע אין ווין האָט, פאַרשטייט זיך, געאַרבעט פאַר דאָלפוסן, אָבער די פרעסע פאַרמאָגט כמעט אינגאַנצן אידישע אייגנטימער. אין דעם קאַמף פונם קאַפּיטאַליזם און זיינע פאַשיסטישע פּאָגראָם־באַנדעס קעגן די אַרבעטער איז די אידישע בורזשואַזיע געקומען צוהילף אירע באַנדעס. אין דייטשלאַנד, צי אין עסטרייך, צי ערגעץ אַנדערש (איינגעשלאָסן אַמעריקע, פאַרשטייט זיך) איז דער פאַשיזם פּונקט אַזאַ אויסדרוק פון אידישע קאַפּיטאַליסטן, ווי פון ניט־אידישע, — ניט געקוקט אַפן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער פון פאַשיזם. ווי פיינטלעך די אידישע בורזשואַזיע ווערט ניט אַמאָל באַהאַנדלט פון פאַשיזם, ווייס זי אָבער, אַז פון קאָמוניזם וואָלט זי צום ע ר ג ס ט ן באַהאַנדלט געוואָרן. און דער ציוניזם, אַ באַוועגונג פון דער אידישער בורזשואַזיע, איז די באַזע פון אידישן פאַשיזם, וועמען ער באַרעכטיקט צוליב „אידעאָלאָגישע" און פּראַקטישע מאָטיוון.

ביאַליק׳ס לויב פאַר היטלער׳ן

דעם 3טן דעצעמבער האָט דער „מאָרגן־זשורנאַל" (ניו־יאָרק) געדרוקט דעם ציוניסט אַב. גאָלדבערג׳ס אַן אינטערוויו מיטן „נאַציאָנאַלן דיכטער" חיים נחמן ביאַליק. ביאַליק האָט געזאָגט:

„די ראָלע פון היטלערן וועט אין אונזער געשיכטע אָפּגעשאַצט ווערן ניט נאָר פון דער נעגאַטיווער זייט"... „מען קאָן ניט לייקענען, אַז ע ר ה אָ ט א ו נ ז ע ר פ אָ ל ק ג ע ט אָ ן ד י ג ר ע ס ט ע ט ו ב ה. ער האָט זוכה געווען צו זיין גאָט׳ס מטה זעם, כביכול׳ס שטעקן, וועלכער העלפט אונז זיך ראַטעווען פון אונטערגאַנג"... „ער, דער אומגעבילדעטער און דעמאַגאָג, איז פון דער השגחה אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער גרויסער דאָקטאָר פאַר אונזער קראַנק פאָלק"... „אונזער געשיכטע וועט האָבן מער ווי איין גוט וואָרט פאַר היטלער׳ן, וואָס איז פון גאָט געשיקט געוואָרן אונז ארויסצושלעפּן פון אונזער גייסטיקער געפאַלנקייט און ראַטעווען אונז פון דער שווערער סכנה, פון דעגענעראַציע".

„... וואָס מיר, די ציוניסטישע נביאים, האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן, האָט דערגרייכט היטלער"... „היטלער האָט די זאַך אוועקגעשטעלט נ י ט א ף ר ע ל י ג י ע, נ אָ ר א ף ב ל ו ט "... „אָט דערפאַר איז היטלעריזם אין דער לעצטער ליניע א ב ר כ ה פ אַ ר א ו נ ז ע ר פ אָ ל ק, בעת דער באָלשעוויזם איז א קללה, כאָטש דער לעצטער איז אין זיין פילאָזאָפיע, כביכול, אונז פריינטלעך. ווייל ער פאַרניכטעט אונז סיי ווי סיי, ניט אַלס אידן, חס־ושלום, נאָר אַלס קלאַס". (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.)

דאָס זײַנען אַזעלכע אָפֿן־פֿאַשיסטישע, היטלעריסטישע, רייד, בלוטיקע רייד, אַז זיי נויטיקן זיך ניט אין קיין שום פֿאַרטײַטשונג. איינס איז אָבער וויכטיק צו אונטערשטרײַכן: ביאַליק האָט באַגריסט היטלער׳ס בלוט־טעאָריע, דאָס פּרובירן אָוועקשטעלן דײַטשלאַנד אַף דער באַזע פֿון „ריינעם אַרישן בלוט", — אַ באַזע, וואָס שליסט אויס אויך אַזעלכע וואָס שטאַמען אָפּ פֿון אידן, וואָס האָבן אין זיך כאָטש אַ טראָפּן אידיש בלוט. ביאַליק באַגריסט עס!

ביאַליק איז ניט געווען דער ערשטער ציוניסטישער טוער צו באַגריסן דעם היטלעריזם. דער מיטגליד פֿון דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטע, מאַנפֿרעד רייפֿער, ציוניסטן־פֿירער אין בוקאָווינע, געוועזענער דעפּוטאַט פֿון רומענישן פּאַרלאַמענט, האָט אין זומער 1933, בעת אין דײַטשלאַנד האָבן געבושעוועט די נאַצישע אינקוויזיציעס און פּאָגראָמען, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל צו באַרעכטיקן די נאַציס. דעם אַרטיקל האָט מען אַ וואָך צײַט פֿאָרגעלייענט אַף דער ראַדיאָ אין בערלין. ער איז טיילווייז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער נאַצישער צײַטונג אין ניו־יאָרק, „אַמעריקאַס דויטשע פּאָסט" („דויטשער בעאָבאַכטער"), פֿון 1טן אָקטאָבער 1933. מיר נעמען פֿון דאָרטן אַרויס דאָס פֿאָלגנדיקע. דער ציוניסט רייפֿער זאָגט:

„יעדעס פֿאָלק, און ערשט טאַקע דאָס דײַטשע, ווינשט אַז זײַן יוגנט זאָל דערצויגן ווערן אין זײַן גײַסט. אָבער בעת גרויסע טיילן פֿון דײַטשן פֿאָלק האָבן געקעמפּט פֿאַר דער אָפּהיטונג פֿון זייער שטייגער־לעבן, האָבן מיר אידן איבערגעפֿילט מיט אונזער געשריי די גאַסן פֿון דײַטשלאַנד. מיר האָבן זיך אַרויסגעשטעלט ווי אויסבעסערער פֿון דער וועלט, און האָבן געזוכט צו באַאײַנפֿלוסן דאָס עפֿנטלעכע לעבן דורך אַאונזערע אידייען"... „און קעגן דער דאָזיקער פֿאַראידישונג פֿון דעם אַרישן שטייגער, פֿון דעם דײַטשן וועזן, האָט זיך די (דײַטשע) נאַציע געוועהרט"... „זי האָט רעוואָלטירט, זי וויל אַליין שמידן איר שיקזאַל און אַליין באַשטימען איר צוקונפֿט פֿון אירע קינדער. און מען טאָר אַף איר דערפֿאַר קיין פֿאַריבל ניט האָבן".

ווען מען זאָל פֿאַרבײַטן דאָס וואָרט „מיר" (אידן) אַף „זיי", וואָלט דער אַרטיקל פֿון דעם ציוניסט רייפֿער פּונקט אַזוי געקאָנט זײַן אַ פּראָדוקט פֿון דער פֿעדער פֿון אַ געבעלס אָדער אַ שטרײַכער.

די טעאָריע פֿון דער „ריינער ראַסע"

דעם ציוניזם אימפּאָנירט זייער שטאַרק היטלער׳ס „בלוט־טעאָריע" (ריכטיקער: בלוטיקע טעאָריע), ווײַל דאָ טרעפֿט זיך דער ציוניזם צונויף מיטן היטלעריזם אַף איין טעאָרעטישער פּלאַטפֿאָרמע.

די בלוט־טעאָריע, די טעאָריע פון דער „ריינער ראַסע", פון טהרת משפחה (ריינקייט פון דער משפחה) איז די באַזע פון אידישן שאָ־וויניזם, פון דער אידישער רעליגיע, פון ציוניזם, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך אַל־דאָס שאָוויניסטישע און קלעריקאַלע אין אידישן לעבן.

די ציוניסטן אין בערלין, פאַר וועלכע היטלער האָט געעפנט אַ נייע ערע, האָבן געשריבן: „מיר זיינען פון אַלע מאָל געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון היינטיקן רעזשים און נעמלעך, אַז פאָלק מיינט ניט קולטור־געמיינשאַפט, נאָר בלוט־געמיינשאַפט". (ד. בערג אין „טאָג", סעפּטעמבער 6, 1933).

אין אַנדערע ווערטער — די ציוניסטן האָבן געזאָגט: מיר זיינען געווען היטלעריסטן נאָך פאַר היטלער'ן! היטלער האָט גע־נומען בײַ אונז!

ניט אומזיסט איז דער דערמאָנטער שרייבער פון ציוניסטישן „טאָג" געווען געצוואונגען צו דערקלערן: „ביסלעכווייז האָט אָנגע־הויבן שלאָגן אַ זייער שלעכטער ריח פון דער דאָזיקער (ציוניסטי־שער) פּובליציסטיק. די תקיפות, זייערע נעמט זיך אפנים דערפון וואָס די דאָזיקע שרייבער קאָנען כלומרשט דערווייזן, אַז זיי, די ציוניסטן אין דייטשלאַנד, זיינען פון תמיד אָן געשטאַנען אפן „פּעל־קישן" שטאַנדפּונקט".

פון תמיד אָן. אָט דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון „כל ישראל חברים". אָט דאָס איז, ווידעראַמאָל, דער שטאַנדפּונקט פון דער „ריינער אידישער ראַסע". און אָט פון וואַנען עס דרינגען שוין ארויס די פּראַקטישע מעשים פון דעם אידישן פאַשיזם — דער קאַמף פאַר „ריינער אידישער אַרבעט" („עבודה עברית טהורה") אין פּאַ־לעסטינע.

איידער מיר גייען איבער צו דעם ענין, מוזן מיר אונטער־שטרייכן, אַז אויף דער באַזע פון זייער טעאָרעטישער קרובה'שאַפט איז אַליך ענגער צעמענטירט געוואָרן דער פאַרבאַנד צווישן דעם ציוניזם און דעם היטלעריזם. ער דריקט זיך אויס אין דער אָפענער, לעגאַליזירטער, אַרבעט פון ציוניזם אין היטלער־דייטשלאַנד, אין דער אָפענער היטלער־פּראָפּאַגאַנדע פון דער בערלינער „אידישע רונד־שאַו", און דריקט זיך אויס אין דעם פאַרשטאַרקטן האַנדלס־פאַר־באַנד צווישן די ציוניסטן און היטלער'ן.

דער סימבאָל פון דעם פאַרבאַנד איז — דער היטלער־מאַראַנץ, וואָס ווערט געבראַכט קיין דייטשלאַנד פון פּאַלעסטינע, איינגע־וויקלט אין פּאַפּירלעך מיטן מגן־דוד און דעם האַקנקרייץ...

אין די ערשטע זעקס חדשים פון 1933 איז דער עקספּאָרט פון דייטשלאַנד קיין פּאַלעסטינע — לויט דער באַרימערישער אָנווייזונג פון דער „אידישע רונדשאַו" פון 25טן אויגוסט! — געשטיגן אויף הונדערט פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט די ערשטע זעקס חדשים פון 1932 (פון צוויי און אַ האַלב מיליאָן מאַרק סחורה אויף 5 מיליאָן). דער האַנדל צווישן דייטשלאַנד און פּאַלעסטינע הערט ניט אויף צו שטייגן — און דער באַלאַנס איז שטאַרק צום

גונסטן דייטשלאַנד. פּאַלעסטינע איז צווישן די געציילטע לענדער, אָדער אפשר דאָס איינציגע לאַנד, וועמענס איינקויף פון דייטשע סחורות עס הערט ניט אויף צו וואַקסן.*)

דער פאַרבאַנד צווישן ציוניזם און היטלעריזם איז אַזוי אָפן, אַז בעת דאָס בלוט פון די אידישע מאַסן אין דייטשלאַנד ווערט ממש טייכנווייז אָפּגעשאָצט, מאַרשירן אַרום די ציוניסטישע פאַשיסטן־באַנדעס אין תּל־אָביב און אין פּוילן, אַנגעטאָן אין ברוינע העמדלעך, און זינגען:

גרמניה להיטלור,
איטליה למוסוליני,
פּתח־תקוה וכפר סבא לנו,
חי, חי, ז׳בוטינסקי.

(דייטשלאַנד היטלער׳ן, איטאַליע מוסאָליני׳ן, פּעסאַך־טיקוואָ און קפאַר־סאַבע אונז, זאָל לעבן, זאָל לעבן, זשאַבאָטינסקי.)

קאַמף קעגן פאַשיזם — קאַמף קעגן ציוניזם

נאָך דעם אויבן־געזאָגטן, וועט שוין זיין איבעריק צו ענטפערן אַף דער פראַגע: „וואָס טשעפּען זיך די קאָמוניסטן צום ציוניזם?“ ניט מיר „טשעפּען“ זיך, און ניט עס איז אַ פראַגע פון „טאָן צעלאָכעס“, פון „יעווסעקישע שמאַד־שטיק“, ווי ציוניסטן ווילן עס פאָרשטעלן.

עס וועט אויך זיין איבעריק צו ענטפערן אַף דער פראַגע: „צו וואָס שלעפּט איר אריין דעם ציוניזם, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קאַמף קעגן פאַשיזם?“ ווייל עס איז קלאָר, אַז אָן קאַמף קעגן ציוניזם — קעגן אידישן שאָוויניזם, קעגן אידישן פאַשיזם, זיינען אַלע רייד וועגן קאַמף קעגן פאַשיזם אַ חוזק, אַ ליגן!

---

*) דאָ וועט ווערט זיין איבערצוגעבן די ציפערן וועגן דעם מורא׳דיקן צוריקגאַנג פונם האַנדל צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד. אין נומער 4 פון „איקאָנאָמיק בולעטין“, וואָס אונטערמייער׳ס באָיקאָט־אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס, ווערט איבערגעגעבן, אַז פון דעם גאַנצן פאַרלוסט פון860 מיליאָן מאַרק אין דייטשן עקספּאָרט אין 1933, איז 444 מיליאָן מאַרק אויסגעפאַלן בלויז אַף סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַליין האָט אַף אַזאַ אופן בייגעטראָגן גאַנצע 56 פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם, אַלוועלטלעכן פאַרלוסט פון דייטשן עקספּאָרט. די „ניו־יאָרק טיימס“ פון 21טן מאַי האָט אין אַ קעיבל פון בערלין דערציילט, אַז צו דעם פאַרלוסט פון 95 מיליאָן מאַרק אין דייטשן עקספּאָרט אין אַפּריל 1934 האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַליין בייגעטראָגן 68 מיליאָן, אַרום 65 פּראָצענט, בעת דער עקספּאָרט אין אַנדערע לענדער איז געפאַלן בלויז אַף אַרום צוויי (2) פּראָצענט.

דער שאָוויניזם איז דאָס שטאַרקסטע געווער, וואָס דער קאַפּיטאַליזם באַנוצט אין קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין קאַמף צו באַפעסטיקן דעם פאַשיזם. קריסטשעגס פון די „קרוסעידערס" און פעלי פון די „סילווער שוירטס" ריידן וועגן „עכטן אַמעריקאַניזם", וועגן פּאַטריאָטיזם, וועגן „טרייהייט צו דער פאָן". היטלער, מוסאָליני, פּילסודסקי, מאָזלי, זשאַבאָטינסקי — אַלע אָפּעלירן זיי צום שאַרפסטן מיט שאָוויניזם, מיט „גאָדס קאָונטרי" (גאָט'ס לאַנד), מיט אַ „מיסיע", מיט „ריינער ראַסע" און אַזוי ווייטער. און פּונקט ווי מען קאָן ניט קעמפן קעגן פאַשיזם, ניט באַקעמפנדיק די פאַררעטערישע טעאָריעס וועגן די „געמיינזאַמע אינטערעסן" פון „אַלע קלאַסן" און די סאָציאַל־פאַשיסטישע טעאָריעס פון „אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם" אפן באָדן פון דעמאָקראַטיע, אַזוי איז — נאָכאַמאָל — אַ חוזק און אַ ליגן יעדער „קאַמף" קעגן פאַשיזם, וואָס דריקט זיך ניט אויס אין קאַמף קעגן שאָוויניזם.

א י ד י ש ע ארבעטער, א י ד י ש ע אַנטי־פאַשיסטן, מ ו ז ן קעמפן קעגן א י ד י ש ן שאָוויניזם, קעגן א י ד י ש ן פאַשיזם, קודם כל! קעמפן קעגן „יענעמס" שאָוויניזם איז פון די קנאַפּע אויפטואונגען. יעדער ש אָ ו ו י נ י ס ט קעמפט צום שאַרפסטן קעגן „יענעמס" שאָוויניזם. אמת'ער קאַמף קעגן שאָוויניזם איז — קאַמף קעגן א י י ג ע נ ע ם שאָוויניזם. אין דער אידישער סביבה מוזן די אַנטי־פאַשיסטישע פיילן געצילט ווערן אינם ציוניזם!

סאָציאַל־פאַשיסטישע שרייבער זיינען געצוואונגען צוצוגעבן, אַז עס איז פאַראַן אַ אידישער פאַשיזם (גינזבורג אין „פאָרווערטס" פון 31טן מערץ: „דער אידישער פאַשיזם אין פּאַלעסטינע"). בורזשואַזע שרייבער זיינען געצוואונגען צו דערקלערן, אַז דער ציוניזם איז צוליב זיין נאַציאָנאַליזם די באַזע פון אידישן פאַשיזם (וו. צורקערמאַן אין „נעישאָן" פון 23טן אַפּריל). דער אידישער פאַשיזם איז דאָ אין פּאַלעסטינע, ווי אין פּוילן, ווי אין עסטרייך, דייטשלאַנד, אַמעריקע. ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ פיל גרעסערע געפאַר, ווי די דערמאָנטע און אַנדערע שרייבער קאָנען און ווילן צוגעבן. און עס איז אַ טעות ווען מען מיינט, אַז דער פאַשיזם דריקט זיך אויס נאָר אין זשאַבאָטינסקי'ס ברוינע העמדלעך. מיר האָבן געזען, ווי אין דייטשלאַנד און עסטרייך איז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג אָפּ פאַשיזירט. עס מוז אָבער אָנגעוויזן ווערן, אַז די אויסגעהאַלטענע טרעגער פון דעם אידישן היטלעריזם זיינען די „ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע" ציוניסטן, די פּועלי־ציון (היסטאַדרוסניקעס). זיי זיינען — ווי זיי רופן זיך אַליין אָן — די נ אַ צ י אָ נ אַ ל־ס אָ צ י אַ ל י ס ט ן, בעת די רעוויזיאָניסטן שטעלן פאָר מיט זיך דעם מוסאָלינישן און דאָלפוסשן פאַשיזם, וואָס נוצט ווייניקער „סאָציאַליסטישע" פראַזן.

דער ציוניסטישער סאָציאַל-פאַשיזם

באַ אַן אַנדער געלעגנהייט איז מיר שוין אויסגעקומען אָנ־צוּװײַזן אַף דער טעאָרעטישער באַזע פון אָט־די אידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וועלכע שטעלן זיך אַרוים ווי די „כנסת ישראל", ווי דאָס „עכטע" אידישע פאָלק.*) אָבער דאָ, בעת מיר רײדן וועגן דיסקרימינאַציעס קעגן אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין אַמעריקע (און אין דײַטשלאַנד, פּױלן, עסטרײַך, רומעניע, א. אַ.), מוז דאָך דערקלערט ווערן, אַז עס איז אַ חוזק און היפּאָקריטיזם צו קעמפן קעגן די דאָזיקע דיסקרימינאַציעס, ווען מען קעמפט ניט קעגן די דיסקרימינאַציעס קעגן „פרעמדע אַרבעטער" אין פּאַלעס־טינע.

די „פרעמדע" אין פּאַלעסטינע זײַנען באַ די ציוניסטן — די אַראַבער... און אין קאַמף קעגן אָט־די „פרעמדע", אין קאַמף פאַר „רײנע אידישע אַרבעט" צײכענען זיך באַזונדערס אויס די אי־דישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, די היסטאַדרוסניקעס.

די ענגלישע מאַכט אין פּאַלעסטינע, וועלנדיק שאַפן באַ די אַ ר אַ ב ע ר דעם אײַנדרוק, אַז זי נעמט זיך אָן פאַר זיי, האָט (אין מאַי 1934) פאַרבאָטן די היסטאַדרעס צו פּיקעטן אונטערנע־מונגען, וואָס באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער. דאָס, און באַזונ־דערס דער קאַמף פון דער היסטאַדרעס קעגן דעם פאַרבאָט, האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון די אידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געלײקנט, אַז זיי קעמפן קעגן אַראַבישער אַרבעט. דער פאַרבאָט וועט אָבער, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּשטעלן די יאָרן־לאַנגע טעטיקייט אַרויסצוּרײַסן באַ די אַרבעטער דעם ביסן ברויט, ווײַל זיי געהערן צו אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט. אויב ניט פּיקעטן, וועט מען די אַרבעט פאַרזעצן דורך באָיקאָט.

אין דער „מאָרגן־פרײַהייט" האָב איך דעם 11טן נאָוועמבער 1933 געבראַכט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ נאָטיץ אין „דבר" פון 23טן אָקטאָבער, אָפיציעלער אָרגאַן פון דער היסטאַדרעס. דאָרט איז געווען אויסגערעכנט אַ צעטל אונטערנעמונגען, וואו מען באַשעפטיקט אַראַבישע אַרבעטער, אונטער אַ קעפּל: „עבודה ערבית בתל־אָביב" (אַראַבישע אַרבעט אין תל־אָביב). דאָס איז געווען אַ באָיקאָט־נאָטיץ — מען זאָל באָיקאָטירן, פאַרפאַלגן, יענע אונטערנעמער, וואָס דערוועגן זיך צו באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער. אַזאַ מין באָיקאָט־אַרבעט פירט אָן די נאַצישע „דאַוואַ" אין ניו־יאָרק אין קאַמף קעגן אידישע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, פּראָפעסיאָנאַלס און הענד־לער. אַזאַ קאַמף פאַר „רײנער" אַמעריקאַנישער, דײַטשער, פּױלי־שער אַרבעט (און קעגן אידישער אַרבעט) פירן אָן די „קרוסײדערס" און „סילווער שוירטס" אין אַמעריקע, און די נאַצים און נאַראַ"־

*) זע די בראָשור „ציוניזם אין אַ ברויזן העמדל", פאַרלאַג אידישע ביוראָ.

איסטן אין דייטשלאַנד און פּוילן. דאָס וואָס די היסטאַדרעס טוט אין תל־אָביב איז — נאַציזם אַף העברעאיש. אין איר ווילדן קאַמף פאַר „ריינער ראַסן־אַרבעט" דערגייט די היסטאַדרעס ביז דערקלערן, אַז באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער איז ערגער ווי עפענען אַ שאַנד־הויז! (ווי עס זאָגט עדות די פאָטאָגראַפיע פון בן־גורינ׳ס רעדע).



בעשרה מיליונים פראנס זהב, והאכרים האלה, אשר בכסף העם ובמלחמתו הפולימית של העם, רכשו להם אדמה בארץ, רכשו להם נחלות בארץ, דבר שלא יכלו לעשותה יהודים בארצות הגולה, במזרח אירופה, ואשר רק בכוח המלחמה של האומה ניתנה להם הזכות זו, — היהודים האלה הם המנשלים את האומה היהודית מעבודתה, הם מכניסים שם פועלים, אשר המלחמה אתם עשויה לסכן בעתיד את כל עמדותינו ולערער את כל זכותנו בארץ.

לא אל המצפון הלאומי של המעבידים הבודדים, אנו פונים — אנו ראינו מהו המצפון הזה; ראינו גם את ההפך — אלא אנו באים אל המצפון, אל האחריות ואל החרדה ההיסטורית של ה ת נ ו ע ה ה צ י ו נ י ת, שהיא תקבל בא"י כח מוסרי זה, שיהיה מן הנמנע אותו חלול שם כל מפעלנו בארץ. לא יתכן הדבר. הזה כמו שלא יתכן הדבר, שבאחת המושבות היהודיות יקימו היהודים בית זנות. ואני אומר לכם במלוא אחריותי, שלהקים בית זנות—זוהי חרפה פחות גדולה, מאשר לנשל את היהודים מעבודתם על אדמת א"י. לא יתכן כדבר ההוא, מפני שכל דעת הקהל תתקומם נגד זה, לא מפני שאין מנוולים, אשר לא יעשו זאת למען בצעם, אבל לא יעזו מפני שדעת הקהל לא תתן ... לא תתכן, למרות כל

פאָטאָגראַפיע פון אַ טייל פון דער רעדע פון בען־גוריאָן (בן־גריון), פירער פון דער היסטאַדרעס אין פאַלעסטינע. די רעדע האָט ער געהאַלטן אין אספת הנבחרים (אַסיפאַס האַניוובאָרים — פאַרזאַמלונג פון אויסדערוויילטע, אַ מין אידישער פּאַרלאַמענט) און איז געווען געדרוקט אין דער טעגלעכער ציימונג „הארץ" (האָארעץ), טעל־אָוויוו, דעם 10טן מערץ, 1932. ווי עס איז צו זען, האָט בען־גוריאָן געזאָגט, אַז אָנשטעלן אַראַבער אין אַ קאָלאָניע איז נאָך ערגער ווי עפענען אַ שאַנד־הויז... די פאָטאָגראַפיע איז פון דערמאָנטן נומער „הארץ".

דאָ איז ניט סתם אַ פּראַגע פון מאָראַל, פון סאָציאַליזם. *געוויס* פּאָדערן די פּרינציפּן פון *אמת'ן* סאָציאַליזם, פון אינטערנאַציאָנאַליזם, אַז מען זאָל אַפּן שאַרפּסטן אופן באַקעמפּן אָט־די בלוטיקע נאַצישע מעשים. אָבער שוין בלויז פון שטאַנד־פּונקט פון קאַמף קעגן דיסקרימינאַציעס, *אין אַמעריקע*, אין פּוילן, אין דייטשלאַנד, מוז מען אַפּן ביטערסטן אופן באַקעמפּן די אַרבעט פון די אידישע נאַצים אין פּאַלעסטינע. דאָס וואָס זיי טוען *קלאַפּט איבערן קאָפּ, איבער די לעבנס־אינטערעסן* פון די אידישע מאַסן אין די קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער וואו זיי וואוינען אין די גרעסטע מאַסן, און וואו זיי וועלן *פּאַרבלייבן*!

אָפּגערעדט דערפון, וואָס *מען האָט ניט קיין שום רעכט* צו קעמפּן קעגן דיסקרימינאַציעס אַף אידן, ווען מען דערלאָזט, אַז אידן זאָלן דיסקרימינירן קעגן אַנדערע. אָבער שוין פון „פּראַקטישן שטאַנדפּונקט", אַזוי צו זאָגן, קאָן יעדער קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע אין אַמעריקע (אָדער פּוילן, אָדער דייטשלאַנד) *אַנולירט ווערן מיט איין שטריך*! די „קרוסעידערס" און „סילווער שוירטס" און נאַצאַ־איסטן דאַרפן נאָר איבערדרוקן די נאַצישע באָיקאָט־רופן פון „דבר" און אַנדערע ציוניסטישע אויסגאַבן, כדי צו באַרעכטיקן זייער אַרבעט קעגן אידן, צוצורייבן מיט נאָך גרעסערן אַפּעטיט און דערפאָלג דאָס שטיקל ברויט פון די אידישע מאַסן אין די לענדער וואו זיי *וואוינען* און וועלן *פּאַרבלייבן*!

דער ציוניזם, באַזונדערס דער היסטאַדרישער, שטעלט זיך דאָ אַרויס (ניט צום ערשטן מאָל) ווי *דער געפערלעכסטער שונא פון די לעבנס־אינטערעסן פון די אידישע מאַסן*!

מוז מען קעגן אידישן נאַציזם קעמפּן. מוז מען קעמפּן קעגן דעם אידישן פאַשיזם און קעגן דעם פאַררעטערישן סאָציאַל־פאַשיזם, וואָס בעט אויס דעם פאַשיזם אַ וועג. *אָט־דאָס* איז אַ וויכטי־קער טייל פון קאַמף קעגן פאַשיזם!

מען קאָן ניט פירן קיין קאַמף קעגן די מייז, ניט אויסראָטנדיק אין דער זעלביקער צייט די נאָרעס וואו די מייז האָדעווען זיך.

6. וועמען דינט דער פאַשיזם?

פאַשיזם ראַטעוועט ניט די פאַרצווייפלטע!

עס איז ווייט ניט גענוג צו שרייען: טעראָר! פּאָגראָמען! בלוט־פאַרגיסונג!

געוויס, אַט־דאָס מוז ברייענגען דער פאַשיזם. באַזונדערס די אַרבעטער, די אידן, די נעגער־מאַסן. באַזונדערס די ר ע וו אָ ־ ל ו צ י אָ נ ע ר ע אַרבעטער. אָבער עס איז ווייט ניט גענוג — צו באַנוצן אין קאַמף קעגן פאַשיזם בלויז „מאָראַלע" מיטלען, אַפּעלירן צו מענטשלעכקייט, צו קולטור, צו רחמנות.

אויב דער דעקלאַסירטער און פאַרצווייפלטער קליינבירגער, דער פּראָפעשיאָנאַל, דער יוגנטלעכער, וועלן מיינען (און מען זאָגט זיי אַזוי), אַז פאַשיזם וועט זיי ה ע ל פ ן — וועלן זיך פיל פון זיי ניט אָפּשרעקן פאַר די מ י ט ל ע ן פון פאַשיזם. ניט איינער פון זיי וועט זיך זאָגן: אויב דער וועג צו רעטונג ליגט דורך פּאָגראָמען אף רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אף „פרעמדע", אף אידן, אף נעגער, — פאַרפאַלן! אַזוי איז שוין אַן איבערגאַנג־צייט! דערפאַר וועט ווערן פון כאַאָס — אָרדענונג!

אין קאַמף קעגן פאַשיזם מוז אָנגעוויזן ווערן קודם־כל און אַלע מאָל, אַז פ אַ ש י ז ם ב ר י י נ ג ט נ י ט ק י י ן ה י ל ף! פאַשיזם לייזט ניט די פּראָבלעמען פון די דעקלאַסירטע, פון די אַרבעטלאָזע, פון די פאַרצווייפלטע יוגנטלעכע! פאַרקערט, זייערע פּראָבלעמען ווערן נאָך מער פאַרשאַרפט. פאַשיזם פ אַ ר ע ר ג ע ר ט די לאַגע פון די דאָזיקע שיכטן, און הויפּטזעכלעך — פון די אַרבעטער.

מוז קלאָר ווערן: וואָס איז פאַשיזם? וועמען דינט פאַשיזם?

די סאָציאַל־פאַשיסטן און ט ר אָ צ ק י ס ט ן האָבן אַרויסגערוקט אַלערליי „טעאָריעס" וועגן פאַשיזם, וועלכע שפּילן נאָר אַריין דעם פאַשיזם אין די הענט אַריין, — פּונקט ווי זיי האָבן אים אַריינגעשפּילט אין די הענט אַריין איידער ער איז געקומען צו דער מאַכט. די „טעאָרעטיקער" פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָגן, אַז דער פאַשיזם איז די „דיקטאַטור פון קליינבירגערטום", אָדער די „דיקטאַטור פון צעווילדעוועטן קליינבירגערטום". טראָצקי האָט אַרויסגערוקט די „טעאָריע", אַז דער פאַשיזם איז די „קאָנטער־רעוואָלוציע פון קליינבירגערטום" — אַ „טעאָריע", וואָס שיידט זיך ניט שטאַרק פון קאַוטסקי'ס. אָטאָ באַוער האָט ווידער געהאַט אַרויסגערוקט די „טעאָריע", אַז דער פאַשיזם איז די „הער־

שאַפט פון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט", אונטער וועלכער די בורזשואַזיע איז געווען געצוואונגען זיך אונטערצואוואַרפן.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל ווייזט אָן: דאָס זיינען פ אַ ל ש ע טעאָריעס. דאָס זיינען ק אָ נ ט ר ־ ר ע װ ו ל ו ־ צ י אָ נ ע ר ע טעאָריעס. אַלע גייען זיי אַרויס פון דער הנחה, אַז מיר זיינען אַריין אין אַ פּעריאָד פון רעאַקציע. אַלע די „טעאָרע־טיקער" ריידן (אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן זיי גערעדט ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט) וועגן אַ „לאַנגן פּעריאָד פון רעאַקציע און פאַשיזם". פאַקטיש האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אין די יאָרן פון „פּראָספּעריטי" גערעדט וועגן דער „פּראָגרעסיווער ראָל" פון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם", וואָס לייזט די אַרבעטלאָ־זיקייט און הויבט זיך אָן טיילן מיט די מאַסן מיט זיינע פּראָפיטן, און וועט העלפן „אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם" — אָט־די זעלביקע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט שוין אין 1932 געפּלאַפּלט וועגן אַ „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע".

דאָס זיינען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס. זיי דינען דער רעאַקציע. זיי קאָנען נאָר שפּאַלטן און אַנטוואַפענען די רעוואָלו־ציאָנערע כוחות.

די פּרוכט פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד און איטאַליע

איז אמת, אַז אין דייטשלאַנד הערשט די דיקטאַטור פון דעם קליינבירגער? פון דעם לומפּן־פּראָלעטאַריער?

יעדערער, וואָס פאָלגט נאָך די געשעענישן אין דייטשלאַנד וויים, אַז דאָס איז זינלאָז. יעדערער וויים, אַז די באַלעבאַטים אין דייטשלאַנד זיינען די קרופּס, טיסענסעס און אַנדערע מאַגנאַטן. ז י י זיינען די הערשער פון לאַנד. און יעדערער וויים, אַז די לאַגע פון די ברייטסטע מאַסן, איינגעשלאָסן די ק ל י י נ ב י ר ג ע ר, איז געוואָרן ערגער! די אומצופרידנקייט פון די ברייטע מאַסן האָבן שוין דערהערט אפילו טויבע, אפילו די, וואָס זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער היטלער־פּראָפּאַגאַנדע, אָדער פון די דערמאָנטע „טעאָריעס". אין די פאַרטרויאונגסראַט־וואַלן אין די דייטשע פאַב־ריקן אין מאַי (1934), אין וועלכע היטלער האָט געליטן אַ מורא'דיקע מפּלה, האָבן די אַרבעטער, ניט געקוקט אויף ווילדן טעראָר, באַוויזן וואָס זיי טראַכטן פון פאַשיזם. זיי האָבן באַשטעטיקט די ליניע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער 13טער פּלענום פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמוניס־טישן אינטערנאַציאָנאַל (דעצעמבער 1933) האָט אויף דער פראַגע: „וואָס איז פאַשיזם", האָט געגעבן דעם ענטפער: פאַשיזם איז די אָפענע דיקטאַטור פון גרויס־קאַפּיטאַל. „פאַשיזם איז דער סאַמע פאַרצווייפלטער פאַרזוך פון די סאַמע רעאַקציאָנערע, טעראָריסטיש־

נאַציאָנאַליסטישע גרופּן פון דער בורזשואַזיע". פאַשיזם איז ניט אַ צייכן פון דער שטאַרקייט פון דער בורזשואַזיע, נאָר פון איר שוואַכקייט.

חבר ס ט אַ ל י ן האָט אין זיין רעדע אַפן 17טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד (פעב. 1934) דערקלערט:

„די בורזשואַזיע איז שוין ניט מער אימשטאַנד צו הערשן מיט די אַלטע מעטאָדן פון פּאַרלאַמענטאַריזם און בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. צוליב דעם איז זי געצוואונגען צו נעמען זיך פאַר אַן אינערלעכער פּאָליטיק פון טעראָריסטישער פאַרוואַל־טונג — ווי אַ צייכן דערפון, אַז זי איז ניט אימשטאַנד צו געפינען אַן אויסוועג פון דער איצטיקער לאַגע דורך פרידלעכער אויסערלעכער פּאָליטיק, און אַז זי איז געצוואונגען צו נעמען זיך פאַר דער פּאָליטיק פון מלחמה".

דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל ב אַ נ ו צ ט ז י ך מיט דער לאַגע פון פאַרצווייפלטן קליינבירגערטום און שאַפט זיך צווישן די עלע־מענטן, דורך די באַקאַנטע פאַשיסטישע דעמאַגאָגישע מעטאָדן, אַ מאַסן־באַזע. אָבער די פאַשיסטישע הערשאַפט ב אַ ר ו י ב ט דעם קליינעם קרעמער אין די אינטערעסן פון דעם דעפּאַרטמענט־סטאָר (אוניווערסאַל־מאַגאַזין), וואָס האָט „געזאָלט" אָפּגעשאַפט ווערן. די פאַשיסטישע הערשאַפט באַרויבט די ברייטסטע מאַסן, פּרעסט פון זיי אַרויס אַלץ גרעסערע פּראָפיטן פאַר גרויס־קאַפּיטאַל. פאַשיזם איז אַ סיסטעם פון באַראַבעווען, פאַרקנעכטן דעם אַרבעטער־קלאַס, אָנטאָן אַף אים שקלאַפן־קייטן.

פאַשיזם ברענגט די נויטבאַדערפטיקטע מער נויט, אָנשטאָט הילף. דאָס האָט באַוויזן דייטשלאַנד. דאָס האָט באַוויזן איטאַליע, וואו ער פאַשיזם האָט געהאַט אַלע געלעגנהייטן.*)

---

*) אין יוני־נומער פון זשורנאַל „קורענט היסטאָרי" אַרויסגעגעבן פון דער „טיימס", דערציילט היו קוויגלי, הויפּט פון דער „דזשענעראַל עלעקטריסיטי באָאַרד" פון ענגלאַנד, אין אַן אַרטיקל: „פאַשיזם פעילס אי־טאַלי" (פאַשיזם האָט ניט געראַטעוועט איטאַליע) דאָס פאָלגנדיקע: דער געלט־אומזאַץ אין לאַנד איז געפאַלן פון 21 ביליאָן לירעס אין 1925 ביז 12 ביליאָן מיט 700 מיליאָן אין אָנהויב 1934. די צאָל ב אַ נ ק ר אָ ט ן איז געשטיגן פון 1,896 אין 1921 אַף 1 2 ט ו י ז נ ט מיט 308 אין 1933 דער פאַרדינסט פון אַרבעטער איז געפאַלן ביז 8 סענט אַ שעה. די צאָל אַרבעטלאָזע איז געשטיגן פון 439,211 אין 1928 אַף צוויי מיליאָן אין 1934. דער אויסלענדישער האַנדל איז געפאַלן פון 44 ביליאָן מיט 500 מיליאָן אין 1925 ביז 13 ביליאָן מיט 500 מיליאָן אין 1934. דאָס לאַנד פאַרברויכט ווייניקער שפּייז, און דער גאַנצער לעבנס־סטאַנדאַרד איז געזונ־קען נידעריקער ווי אין די יאָרן פאַר דער מלחמה. ער פירט אויס: „אינ־דוסטריעל און סאָציאַל האָט איטאַליע גאַנץ באַשטימט זיך אַ רוק געטאָן אַף צוריק. מען דאַרף נאָר אַ קוק טאָן אין אָגליאָ־טאַל און באַזוכן די אינדוס־

איז פאשיזם אומפארמיידלעך?

די קאמוניסטישע אפשאצונג פון פאשיזם דרינגט ארויס פון דער מארקסיסטיש־לעניניסטישער טעאריע, פון לענינ׳ס אפשאצונג וועגן דער ראל פון מאנאפאל־קאפיטאל.

לענין האט געשריבן:

„דער פאליטישער ארויסוואוקס פון דער נייער עקאנאמיק, פון מאנאפאל־קאפיטאל (אימפעריאליזם איז מאנאפאל־קאפיטאל) איז — אן אפגאנג פון דעמאקראטיע צו פאליטישע רעאקציע. דער פרייער קאנקורענץ פאסט זיך דעמאקראטיע. דעם מאנאפאל פאסט זיך פאליטישע רעאקציע. סיי אין דער אויסערלעכער פאליטיק און סיי אין דער אינערלעכער פאליטיק שטרעבט דער אימפעריאליזם צו ברעכן די דעמאקראטיע, צו רעאקציע (באנד 19, ז. 207).

אט־דאס איז די לענינשע אפשאצונג פון דער עפאכע פון אימפעריאליזם, פון דער ראל פון מאנאפאל־קאפיטאל. דער פאשיזם דרינגט דעריבער ארויס פון דעם איצטיקן צושטאנד פון קאפיטאליזם.

וואס־זשע הייסט עס? איז פאשיזם אומפארמיידלעך? מוז דער פאשיזם קומען?

דער שענדלעכער בילבול, אז קאמוניסטן האלטן, אז פאשיזם איז אומפארמיידלעך, און דעריבער האבן זיי אין דייטשלאנד כלומר׳שט געהאלפן, אז דער פאשיזם זאל קומען, איז שטארק פארשפּרייט געווארן פון די סאציאל־פאשיסטן, די שותפים און אויסהאדעווער פון פאשיזם. דער צעטל פון טויזנטער דער׳־הרג׳עטע און פארוואונדעטע קאמוניסטן אין דייטשלאנד אין קאמף מיטן פאשיזם — נאך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאכט! — איז א גענוגנדיקער ענטפער. די פירער פון קאמינטערן און דייטשער קאמפארטיי, און אין דער ערשטער ליניע

טריע־צענטערן אין דער געגנט פון מילאן, טורין און ווענעציע, צו אנטדעקן ווי פאראליזירט עס איז געווארן די אינדוסטריעלע אויסשטאטונג. דעפלאציע האט אזוי אונטערגעמיניעוועט דעם געבוי פון די מלוכה־פינאנצן און פון דער באנק־סיסטעם, אז נאר ווייטערדיקע פארצווייפלטע באגרענעצונג־מיטלען קאנען זיי אויפהאלטן. דער צוזאמענבראך, אונטערן איצטיקן רעזשים, איז נאר א פראגע פון צייט".

וועגן דער קאטאסטראפישער לאגע אין דייטשלאנד, וועגן קראך פון דער גאנצער היטלערשער ווירטשאפט־פאליטיק, וואס האט הויפּטזעכלעך געבראכט צום פאלן פון עקספארט, ריידן שוין איצט אלע צייטונגען. עס זיינען אויך באקאנט די פאקטן פון דער לאגע פון די דייטשע ארבעטער, וועמענס לעבנס־סטאנדארד עס איז אין 1933 געפאלן אף 20 פראצענט אין פארגלייכן אפילו מיטן גענוג שרעקלעכן יאר 1932. אויך די לאגע פון קליינבירגער, אינטעליגענט, פויער האט זיך שטארק פארערגערט.

חבר טעלמאַן, האָבן כסדר געהאַמערט אַפן פונקט, אַז פאַשיזם קאָן און מוז אויסגעמיטן ווערן.*) אָבער אַפן באַזיס פון לעניג׳ס אַנאַליז פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל קאָן זיך שטעלן די פראַגע: אויב מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל פירט אומפאַרמיידלעך צו רעאַקציע — איז דאָך פאַשיזם אומפאַרמיידלעך?

אין זיינעם אַן אַרטיקל „דאָס אָרט פון פאַשיזם אין דער געשיכטע" („איזוועסטיא", 1טן מאַי, 1934) שטעלט זיך אָפּ חבר קאַרל ראַדעק אַף דער פראַגע. דער ענטפער איז, אַז דער וויסנשאַפטלעכער באַגריף פון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט פון אַ געוויסן פעריאָד איז — די אַנטוויקלונג פון נייע פּראָדוקציע־כוחות, וואָס אַזאַ פעריאָד באַשאַפט. די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז געקומען ווי אַ נויטווענדיקייט פאַר נייע פּראָדוקציע־כוחות, וואָס דער (קאַפּיטאַליסטישער) פעריאָד האָט באַשאַפן. וואָס פאַר אַ נייע פּראָדוקציע־כוחות קאָן באַשאַפן און באַשאַפט פינאַנץ־קאַפּיטאַל, דורך זיין אינסטרומענט פאַשיזם? קיין שום נייע כוחות! פאַרקערט, פאַשיזם טרייבט דיווירטשאַפט אַף צוריק. פינאַנץ־קאַפּיטאַל קאָן מער גאָרנישט באַשאַפן, ווייל ער האָט שוין אָפּגעלעבט זיין צייט, ווייל די צייט איז שוין רייף פאַר סאָציאַליזם! אַף אַזאַ אופן האָט דער פאַשיזם קיין שום היסטאָרישע פונקציעס ניט דורכצופירן. היסטאָריש איז פאַשיזם ניט אומפאַרמיידלעך. פאַשיזם קאָן אויסגעמידן ווערן — נאָר דורך איבערגאַנג צום סאָציאַליזם.

פאַשיזם איז ניט אויסגעמידן געוואָרן אין דייטשלאַנד, ווייל די מערהייט פון אַרבעטער־קלאַס איז נאָך געווען אונטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און בורזשואַזן איינפלוס. די אַנטשיידנדיקע און קאָנטראָלירנדיקע ראָל האָט געשפילט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. וואָלט די קאָמוניסטישע פאַרטיי געהאַט דעם איבערגעוויכט, וואָלט איצט געווען אַ גאַנץ אַנדער לאַגע אין דייטשלאַנד.

די ראָל פון דעם קליינבירגער

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט איצט אָנגעהויבן „אַנטדעקן" דעם פאַרמער און דעם קליינבירגער. פון דער „אַנטדעקונג" וועט קנאַפּ־וואָס אַרויסקומען, ווייל גראָד דאָס טרייבט די פאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל נאָך ווייטער אַף רעכטס — און אָט אַזאַ לאַגע גרייט ערשט שנעלער צו דעם פאַשיזם. די פאַרמער און קליינבירגער אין דייטשלאַנד און עסטרייך זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן אין לאַגער פון פאַשיזם דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיי ניט נאָר ניט געגעבן קיין אויסוועג, נאָר האָט דורך איר דינסט דעם קאַפּיטאַליזם געהאָלפן זיי פאַראָרימען

---

*) זע רעדעס פון די חברים מאַנואילסקי, טעלמאַן, גוסעוו, א. א. וו. אַפן 12טן פלענום פון קאָמינטערן, אויגוסט 1932.

און דעקלאַסירן. די פּראָבלעם פון די פּאַרמער און אַנדערע מיטל־שיכטן איז — צו געווינען זיי פאַר רעוואָלוציע, פאַר שותפים צום פּראָלעטאַריאַט, ווי דער איינציקער אויסוועג אויך פאַר זיי. אויב דאָס קאָן ניט גילטן פאַרן קליינבירגער־שיכט אַלס גאַנצן, מוז עס גילטן פאַר די אָרימע קליינבירגער. זיי מוזן אָפּגעשפּאָלטן ווערן און אַריבערגעוואונען ווערן אַלס שותפים פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. אָט ווי ס'האָט דערקלערט חבר וו. קנאָרין, אין זיין רעדע אַפן 13טן פּלענום פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל: „ווער עס טראַכט ניט וועגן שותפים נעמט ניט ערנסט די פּראַגע וועגן מאַכט, טראַכט ניט ערנסט וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".

די פּראַגע וועגן שותפים צום אַרבעטער־קלאַס איז איינע פון די גרונטשטיינער פון לעניניזם. דער באָלשעוויזם — אין קעגנזאַץ צום מענשעוויזם (אין אַלע זיינע שאַטירונגען, איינגעשלאָסן דעם טראָצקיזם) — האָט שטענדיק געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו די מיטלשיכטן און אַ לייזונג פאַר זיי. די גאַנצע באָלשעוויסטישע פּראָגראַם בנוגע די פּויערים, לענינ'ס פּראָגראַם וועגן צוזאַמענשלוס צווישן די אַרבעטער און די פּויערים, און די אויסגעהאַלטענע לענינ'שע פּאָליטיק פון חבר סטאַלין בנוגע דער פּויערים־לאַגע — דאָס זיינען פאַקטאָרן, וואָס האָבן געהאָלפן ברענגען דעם זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אויפגעהאַלטן די עקזיסטענץ — און גע־בראַכט צום סאָציאַליסטישן אויפבוי — פון סאָוועטן־פאַרבאַנד!

אין זיין אַרטיקל „די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די פּראַגע וועגן די מיטל־שיכטן" (געדרוקט אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" צום זעקסטן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דעם 7טן נאָוועמבער, 1923) האָט חבר סטאַלין געשריבן:

„ס'איז קיין פּראַגע ניט, אַז די פּראַגע וועגן די מיטלשיכטן שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די גרונט־פּראַגן פון דער אַרבעטער־רעוואָלוציע. די מיטלשיכטן, דאָס הייסט: די פּויע־רים, די קליינע שטאָטישע אַרבעטלייט. אַהער דאַרף מען אויך אַריינרעכענען די אונטערדריק־טע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס באַשטייען אַף ניין־צענטל פון מיטלשיכטן. דאָס זיינען, ווי איר זעט, די זעלביקע שיכטן וואָס שטייען לויט זייער עקאָנאָמישער לאַגע צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן. די ספּעציפישע וואָג פון די דאָזיקע שיכטן ווערט באַשטימט דורך צוויי אומשטענדן: ערשטנס, שטעלן די דאָזיקע שיכטן פאָר די מערהייט, אָדער אַ באַדייטנדיקע מינדערהייט אין די עקזיסטירנדיקע מלוכות; צווייטנס, זיינען זיי יענע ערנסטע רעזערוון, וואָס צווישן זיי רעקרוטירט דער קלאַס קאַפּיטאַליסטן זיין אַרמיי קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלע־טאַריאַט קאָן ניט איינהאַלטן זיין מאַכט אָן דעם מיטגעפיל, אָן

דער שטיצע, פון די מיטלשיכטן און קודם־כל פון גאַנצן פויערטום, באַזונדערס אין אַזאַ לאַנד ווי אונזער פאַרבאַנד פון רעפובליקן. דער פּראָלעטאַריאַט קאָן אפילו ניט ערנסט טרוימען פון נעמען די מאַכט, אויב די דאָזיקע שיכטן זיינען צום ווייניקסטן ניט נייטראַליזירט, אויב די דאָזיקע שיכטן האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצורייסן זיך פון דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, אויב זיי בילדן נאָך אַלץ אין זייער מאַסע די אַרמיי פון קאַפּיטאַל" (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פ. נ.).

ווי צוגעפּאַסט עס זיינען אָט־די ווערטער צו דעם איצטיקן פּעריאָד פון פאַשיזם און רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג!

חבר סטאַלין באַווייזט ווייטער, אַז די רעוואָלוציעס פון 1848, די פּאַריזער קאָמונע, די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 האָבן געליטן מפּלות, ווייל דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געהאַט קיין שותפים צווישן די מיטלשיכטן. ער רייסט אַרונטער די קאַוטסקים און אַנדערע וואולגאַרע „מאַרקסיסטן", וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף וואַרטן ביז דער אַרבעטער וועט ווערן די מערהייט און, אַז צוליב „פּרינציפּיעלע טעמים" דאַרף מען אָפּגעבן די מיטלשיכטן דעם קאַפּיטאַליזם. חבר סטאַלין דערמאָנט ווי קאַרל מאַרקס האָט אין די 50קער יאָרן אין אַ בריוו צו ענגעלס'ן געשריבן:

„דער גאַנצער גאַנג פון די געשעענישן אין דייטשלאַנד וועט אָפּהייננגען פון דער מעגלעכקייט צו שטיצן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע דורך, אַזוי צו זאָגן, אַ צווייטער אויפלאַגע פון דעם פויערים־קריג".

אַזוי האָט געשריבן מאַרקס אין אַ צייט ווען דער אַרבעטער־קלאַס אין דייטשלאַנד האָט נאָך אויסגעמאַכט אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט! זאָל דאָס זיין אַן ענטפער יענע, וואָס האָבן געשריען (און שרייען) וועגן דער „אומנאָרמאַלקייט" פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין 1917, און אויך יענע וואולגאַרע „מאַרקסיסטן", וואָס דערציילן אַ מעשה, אַז מאַרקס האָט פאַרזען די פויערים.

אומקערנדיק זיך צו אונזער ענין: די פּאָזיטיווע באַציאונג צו די מיטלשיכטן איז אַ גרונט־פראַגע פון לעניניזם. אין דעם איצטיקן מאָמענט איז די פראַגע נאָך מער פאַרשאַרפט. דער קאַמף קעגן פאַשיזם פאָדערט אַזאַ פּאָזיטיווע, ערנסטע, באַציאונג צו די דאָזיקע שיכטן, הויפּטזעכלעך צו די פאַרמער. אין דער אידישער סביבה פאָדערט זיך אַן ערנסטע באַציאונג צו די אָרימע קליינבירגער, וועלכע מוזן אַריבערגעצויגן ווערן אַלס סימפּאַטיקער פון רעוואָלוציע, אַלס אונטערשטיצער פון פּראָלעטאַריאַט. זיי טאָרן ניט זיין אַ רעזערוו פון פאַשיזם!

די סאָציאַלע לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג

דער איבערגעוויכט פון קליינבירגער צווישן דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע (ווי אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער) פאָדערט באַזונדערס אַזאַ באַציאונג.

מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע, פון די פאַשיסטישע טענדענצן, מוז זיך פאַרשטאַרקן דער אַנטיסעמיטיזם און צוזאַמען דערמיט די דעקלאַסירונג פון ווייטערדיקע שיכטן אידישע קליינבירגער. הגם דער פּראָצעס פון דעקלאַסירונג איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג, נעמט ער אָבער אָן אַ שאַרפערן כאַראַקטער צווישן די אידישע מאַסן צוליב די אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציעס. יעדנפאַלס, זעט ער זיך אָן מער צווישן אידן צוליב דעם גרויסן קליינבירגערלעכן געוויכט אין אידישן לעבן.

דאָ, נאָך מער ווי צווישן ניט־אידישע קליינבירגער, שאַפט זיך דער באָדן פאַר שאָוויניזם. דאָ ווערט נאָך שטאַרקער די געפאַר, אַז מען זאָל ניט דערזען דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון פאַשיזם.

ווייל עס שטעלט זיך באַם אידישן קליינבירגער די פראַגע: פאַרוואָס ווערט דער קאַמף געפירט קעגן אידן — פיל מער ווי קעגן אַנדערע „פרעמדע”?

דער אידישער קליינבירגער (און דער אידישער אַרבעטער, וואָס ווערט באַאיינפלוסט פון דער בורזשואַזער פרעסע) פאַרפעלט דאָ צו זעען די פאַרפאָלגונגען קעגן נעגער, וועלכע זיינען נאָך פיל שאַרפער און בלוטיקער ווי קעגן אידן. און דער אידישער קליינבירגער פאַרפעלט דאָ צו זען די סאָציאַלע ראָל פון געוויסע שיכטן צווישן דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע זעען זיך אָן שטאַרק אַף די אויבערשטע שפּיצן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און מען קאָן דעריבער לייכטער רייצן די מאַסן קעגן זיי, ווי — לאָמיר זאָגן — קעגן די אוקראַאינער, אָדער פּאָליאַקן, וועלכע זעען זיך ניט אַזוי אָן אַף וואָל סטריט, צווישן די לענדלאָרדס, אין די ספּעקולאַציע־צווייגן, אין די „פרייע פּראָפעסיעס”.

זיי פאַרזעען דעם פאַקט, אַז אַנטיסעמיטיזם איז ניט קיין „מאָראַלישע” באַדערפעניש פון פאַשיזם, נאָר אַ נויטיקער אינסטרומענט. דאָרט וואו ער קאָן אַזאַ אינסטרומענט ניט זיין, ווי אין איטאַליע (ווייל די אידישע באַפעלקערונג איז דאָרט פאַרהעלטנישמעסיק זייער קליין און זעט זיך ניט שטאַרק אָן אַף די שפּיצן פון עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן) איז דער פאַשיזם ניט אַנטיסעמיטיש. מוסאָליני קאָן ניט רייצן די מאַסן קעגן אידן, ווייל עס איז כמעט ניטאָ קעגן וועמען — רייצט ער קעגן די יוגאָסלאַוון און אַנדערע. בעת מאָזלי, אין ענגלאַנד, וועלכער גייט אין מוסאָליני׳ס וועגן (ווי ער זאָגט עס אָפן) איז יע אַנטיסעמיטיש, ווייל אידן זעען זיך יע אָן אין ענגלאַנד, אַף דער בירזשע און אַנדערע ערטער, וואָס געפינען

СПЕЦІАЛЬНЫЙ ПРЕДСЪѢЗДОВЫЙ НОМЕРЪ

Изданіе Главнаго Штаба Русскихъ Фашистовъ.
Подписная цѣна: 1 дол. въ годъ.
Чеки или почтовые переводы должны быть выписаны на имя DONALD I. COONLEY, Lt.
Рукописи должны быть написаны разборчиво, желательно на пишущей машинкѣ и сопровождены почтовыми марками. Редакція будетъ обращаться съ ними осторожно, но не беретъ на себя отвѣтственности за ихъ пропажу.

АДРЕСЪ РЕДАКЦІИ:
POST OFFICE BOX No. 631.
Putnam, Conn. U. S. A.

ІЮЛЬ - АВГУСТЪ
1933

ФАШИСТЪ

№ 1.

Тринадцать лѣтъ Русская эмиграція влачитъ жалкое существованіе. За это время не было создано ею ни одной серьезной политической организаціи, ни партіи. Не было выработано ни одной правильной платформы, ни одного правильнаго лозунга.

Нашъ лозунгъ: ЛИЦОМЪ КЪ ДЕРЕВНѢ. Въ этомъ отношеніи сдѣланы лишь первые шаги. Созданіе фашистскихъ ячеекъ — является первой нашей задачей.

Будущее нашего фашизма — будущее широкихъ боевъ рабоче-крестьянскаго класса противъ компартіи.

Открытое письмо А.А.Вонсяцкаго Главному Штабу Русскихъ Фашистовъ



Anastase A. Vonsiatsky,
Thompson, Conn.

10 мая 1933

Дорогіе соратники.

Зарождающійся Русскій фашизмъ въ данное время ставитъ лишь первые шаги по новому пути. Онъ въ данное время лишь на порогѣ между старымъ и новымъ. Онъ приступаетъ къ тому, чтобы передвинуть свою базу отъ эмигрантовъ къ Русскому народу. Задача Русскаго фашизма — стать впереди назрѣвающихъ въ Россіи событій.

Декретъ Сталина и мобилизація «ударныхъ» силъ для выполненія второй «пятилѣтки» обозначаетъ, что кровожадный коммунизмъ направляется опредѣленно по пути, ведущему къ окончательному закрѣпощенію крестьянъ въ колхозы и чрезвычайно быстрому обостренію борьбы между ними и соввластью. На этой именно основѣ увеличивается въ русскомъ крестьянинѣ тенденція къ сопротивленію, его активность, его рѣшимость къ самозащитѣ, которая въ иныхъ мѣстахъ (въ Сибири, на Кубани) переходитъ въ открытыя возстанія.

דאָס איז אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ טייל פֿון דער ערשטער זייט פֿון אַ רוסישער צייטונג „פֿאַשיסט“, וואָס די צאַרישע ווייס-גוואַרדיער אין אַמע־ריקע גיבן פֿון צייט צו צייט אַרויס. דער הויפּט זייערער איז אַ געוויסער וואָנסיאַצקי, דער מאַן פֿון אַן אַלטער, רייכער יורש׳טע אין שטאַט קאָנע־טיקוט. אַף איר געלט האַלט ער אויס זיינע באַנדעס. אין אָנהויב פֿון היינטיקן יאָר איז וואַנסיאַצקי געווען אין כאַרבין צו אָרגאַניזירן די דאָרטיקע ווייסע באַנדעס, וואָס דער יאַפּאַנישער אימפּעריאַליזם באַנוצט אין זיינע פּראָוואָקאַציעס פֿאַר מלחמה אַף סאָוועטן-פֿאַרבאַנד.

זיך אונטערן אַלגעמיינעם פּראָזשעקטאָר, און אַנטיסעמיטיזם איז אַף אַזאַ אופן יע אַ ווירקזאַמער אינסטרומענט אין די דעמאַגאָגיע אַף אַריינציען די מאַסן.

ניט קיין „מאָראַלישער" פּראָדוקט איז אַנטיסעמיטיזם, נאָר אַן אינסטרומענט, און — אַ ק ל אַ ס ן - אינסטרומענט!

ווי פאַשיזם און רעאַקציע, ווי נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען בכלל, איז אַנטיסעמיטיזם אַן אויסגעשפּראָכן קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקט. און גראָד די אידישע מאַסן, אין אַ געוויסן זין מער ווי ניט-אידישע, האָבן די מעגלעכקייט צו אָפּשאַצן דעם פאַקט, אַז דאָרט וואו דער אַרבעטער הערשט קאָנען ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען און עס קאָנען ניט זיין קיין דיסקרימינאַציעס קעגן אידן.

פונקט אזוי קאָן דער אידישער קליינבירגער, אין אַ געוויסן זין מער ווי דער ניט-אידישער, אָפּשאַצן דעם פאַקט, אַז נאָר ס אָ - ו ע ט ן - מ אַ כ ט גיט אַ ק אָ נ ס ט ר ו ק ט י ו ו ע לייזונג דעם קליינבירגערטום און זיינע קינדער. בעת דער קאַפּיטאַליזם פאַר'משפּט דעם קליינבירגער צו אונטערגאַנג, צו פאַשיסטישער דעגענעראַציע און ווידעראַמאָל אונטערגאַנג, גיט די סאָוועטן-מאַכט דעם קליינבירגער אַן א ו י ס וו ע ג — און אַ ה ע ל פ נ ד י ק ע האַ נ ט — צו איבערבויען זיינע לעבנס-פּאָזיציעס אַף אַ געזונטן פּראָדוקטיוון באָדן.

סאָוועטן-מאַכט געפינט זיך אַפן אַנדערן עקסטרעם פון פאַשיזם, דער שאַרפסטער קעגנזאַץ! דערפאַר איז דער סאָוועטן-פאַרבאַנד די ציל-ברעט פון פאַשיסטישע און סאָציאַל-פאַשיסטישע אַטאַקעס, פאַר-שווערונגען, מלחמה-צוגרייטונגען, און דערפון דרינגט שוין במילא אַרויס, אַז קאַמף קעגן פאַשיזם מיינט אויך — קאַמף קעגן מלחמה-פאַרשווערונגען אַף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד!

איז אָט-דאָס די פּערספּעקטיווע:

פון איין זייט — קאַפּיטאַליזם, פאַשיזם, דיסקרימינאַציע, פּאָג-ראָמען. פון דער אַנדערער זייט — סאָוועטן-מאַכט, סאָציאַליסטישער אויפבוי, נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג. ק י י ן מ י ט ל - וו ע ג א י ז נ י ט אָ.

דאָס באַגרייפן שוין באַדייטנדיקע טיילן פון דער אידישער אינטעליגענץ — אפילו יענע טיילן, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג צוריק געווען אונטער ציוניסטישן איינפלוס. דער סאָוועטישער אויסוועג מוז געבראַכט ווערן צו אַלץ גרעסערע שיכטן — און אין דער ערשטער ליניע צו די אַרבעטער, די באַזע פון קאַמף קעגן פאַ-שיזם, די באַזע פון רעוואָלוציע.

אָנווייזנדיק אַף דער רויבערישער און בלוטיקער ראָל פון פאַ-שיזם, מוז דער קאַמף קעגן פאַשיזם אויך טראָגן אַ פּ אָ ז י ט י וו ן כאַראַקטער. מען מוז געבן אַן א ו י ס וו ע ג. און נאָר קאָ-מוניזם גיט דעם אויסוועג: סאָוועטן-מאַכט, פולשטענדיקע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גלייכהייט, אינדוסטריאַליזאַציע, קאָלאָ-

ניזאַציע, קולטורעלער אויפשוואונג, בירא־בידזשאַן! מ י ר האָבן אַף וואָס אָנצואווייזן!

בשעת אין אַמעריקע שטייגט דער אַנטיסעמיטיזם, מערן זיך די דיסקרימינאַציעס קעגן אידן; בשעת אין פּוילן זיינען פֿאָרגעקומען „נאַרא׳איסטישע עקסצעסן” קעגן אידן, בשעת פֿון דייטשלאַנד, פֿון רומעניע, פֿון אַלע לענדער, וואו אידן וואוינען, זיינען געקומען — און קומען — וויי־געשרייען; און בשעת די שטימונג אין פּאַלעסטינע ווערט אַלץ מער אָנגעצויגן און די קרענקלעכע לאַגע פֿון דעם „ישוב” קומט אַרויס אַלץ אָפֿענער*) — אָט אין אַזאַ צייט איז פֿון איין לאַנד, פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אָנגעקומען די ידיעה, אַז די סאָוועטן־רעגירונג האָט דערקלערט בירא־בידזשאַן ווי אַ אידישע סאָוועטישע אויטאָנאָמע געגנט! אידן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָבן שוין פֿאַרמאָגט פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע גלייכהייט. אָבער די סאָוועטן־רעגירונג איז אַנטשלאָסן צו געבן אידן אויך מלוכה׳שע גלייכהייט, זיי זאָלן דורך זייער אייגענער סאָוועטישער רעפּובליק אָנטייל נעמען אין די מלוכה־אָרגאַנען פֿון פֿאַרבאַנד, און זאָלן אין דער זעלביקער צייט שאַפֿן זייער געזונט אייגן אידיש־סאָוועטיש מלוכה־לעבן אַף אַ שטח, וואָס קאָן אַריינגעמען מיליאָנען מענטשן, אין אַ רייך לאַנד, וואָס איז כמעט ווי ניט באַזעצט.

אָט־דאָס פּאַסירט אין איין לאַנד — אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אָט־די גרויסע היסטאָרישע געשעעניש האָט ניט פֿאַרפֿעלט צו האָבן איר ווירקונג אַף ברייטע שיכטן פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג. די פּראָקלאַמירונג פֿון בירא־בידזשאַן ווי אַ אידישע סאָוועטישע געגנט איז באַגריסט געוואָרן פֿון עלעמענטן וואָס זיינען ביז איצט געשטאַנען אָן אַ זייט, אָדער אַפֿילו זיך געהאַלטן פֿיינטלעך. די אַלגעמיינע שטימונג האָט אַף זיי געהאַט אַ ווירקונג. און די ידיעה, וואָס די

---

*) די קאָמוניסטן איז שוין אָן אַ שיר מאָל אויסגעקומען אָנווייזן אַף דעם אמת׳ן כאַראַקטער פֿון דעם ציוניסטישן ישוב אין פּאַלעסטינע. נאָר אָט איז עטוואָס פֿון דעם „געזעגענונג־וואָרט”, וואָס ביאַליק האָט געזאָגט פֿאַר זיין טויט, ווען ער איז אָפּגעפֿאָרן פֿון תל אביב קיין אייראָפּע זיך היילן: „אָנשטאָט צו זאָרגן פֿאַר זיי (די דייטשע אידן), צוגרייטן פֿאַר זיי אַ ווינקל, אַ דאַך איבערן קאָפּ — זאָל זיין כאָטש אין ביידלעך — האָבן מיר עקספּלואַטירט זייער אומגליק: מיר האָבן געהעכערט דאָס דירה־געלט און אָפּגערויבט פֿון זיי די לעצטע גראָשנס. דאַן קומט דער צווייטער סימפּטאָם: די ה ע ס ל ע כ ע ס פּ ע ק ו ל אַ צ י ע, וואָס פֿרעסט אונז אויף ווי מאָל. דער בלאַנק פֿון גאָלד האָט אונז פֿאַרבלענדט. מיר באַרימען זיך מיט פּראָספּעריטי, מיט אויפֿבליען, דאָרט וואו ס׳איז דאָ בלויז אַ פּוסטע מהומה פֿון ספּעקולאַציע. איין דונאָם ערד גייט איבער צען מאָל פֿון האַנט צו האַנט, יעדעס מאָל מיט אַ געהעכערטן פּרייז—און מיר מיינען, אַז דאָס איז פּראָספּעריטי”... „און אַ דריטער סימן פֿון אונזער קראַנקהייט: דאָס לויפֿן פֿון דאָרף אין שטאָט” (ציטירט פֿון „טאָג” פֿון 2טן יולי).

„איטא" איז געווען געצוואונגען צו ברייננען דעם 17טן יולי, וועגן דער ערשטער גרופּע זעקס הונדערט (600) אידן פון פּוילן, וואָס פּאָרן ארוים קיין בירא־בידזשאן, וועט ניט פאַרפּעלן צו פּאַרטיפן און אויסברייטן די ווירקונג פון דעם אַקט פון דער סאָוועטן־רעגירונג וועגן בירא־בידזשאן.

אָט אַזעלכע ידיעות קומען פון איין לאַנד — סאָוועטן־פאַרבאַנד. וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט די ידיעות זיינען פון די ידיעות, וואָס קומען פון די פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע לענדער!

וואו ליגט די סיבה פאַר דעם טיפן אונטערשייד?

קאָמוניזם — דער באַגרעבער פון פאַשיזם!

פון אַלע לענדער, וואו עס זיינען אין 1918-1917 פאָרגעקומען רעוואָלוציעס, איז א י י ן לאַנד אָפּגעראַטעוועט געוואָרן — דורך קאָמוניזם. אין דעם לאַנד ק אָ ן נ י ט זיין קיין פאַשיזם.

דער שונא פון פאַשיזם איז — קאָמוניזם.

פון פּעלי ביז היטלער, פון איזלי ביז מוסאָליני, פון מעטיו וואָל ביז גערינג — אַלע פאַשיסטן, אַלע פּאָגראָם־מאַכער, שיפען ווילד קעגן איין שונא: ק אָ מ ו נ י ז ם . טעלמאַן ווערט געהאַלטן אין טורמע און געפּייניקט, בעת סעווערינג איז אַף דער פריי און קריגט פּענסיע, ווייל פאַשיזם האָט איין שונא: ק אָ מ ו נ י ז ם .

דער פאַשיזם ק ע ן זיין שונא. מיט אַלע זיינע חושים פילט ער, אַז עס איז דאָ איין קראַפט וואָס וועט אים אומברייננען: קאָ מ ו נ י ז ם .

באַזירט אַף די דערפאַרונגען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַוואָפנט מיטן מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן אַנאַליז, האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל היכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע, פאָראויסגעזאָגט דאָס אָנקומען פון קאַפּיטאַליסטישן קריזיס נאָך אַף זיין זעקסטן קאָנגרעס, אין 1928, — ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך אָ פּ ג ע ק ע ר ט פון מאַרקסן, האָט געפּלאַפּלט וועגן „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם". פאַר די אַלע יאָרן האָט דער קאָמוניסטישער אינטער־נאַציאָנאַל ניט קיין טעות געהאַט אין קיין א י י נ צ י ק ע ר פון זיינע אָפּשאַצונגען וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע, — בעת אין לאַגער פון דער בורזשואַזיע און איר דינער, דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, עקזיסטירט צעמישעניש, פּראָגראַמלאָזיקייט, פּרינציפּלאָזיקייט, פאַר־לאָרנקייט.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל גיט אַן אויסוועג, אַ ליניע: קאַמף, קלאַס קעגן קלאַס, רעוואָלוציאָנערער קאַמף פאַר אַר־בעטער־מאַכט, פאַר בויען סאָציאַליזם אונטער דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

צווישן די אידישע מאַסן האָבן נאָר די קאָמוניסטן פון אָנהויב אָן געגעבן אַ ליניע פון קאַמף קעגן פאַשיזם, קעגן נאַציזם — בעת

דער ציוניסטישער אידישער קאָנגרעס און די סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען אים נאָכגעגאַנגען, האָבן אָפּגעהאַלטן און האַלטן אָפּ פון קאַמף. דער אידישער קאָנגרעס איז בפירוש אַרויסגעטראָטן קעגן באַקעמפן דעם פאַשיזם, האָט געזוכט איינצורעדן, אַז מען קאָן קעמפן „בלויז" קעגן אַנטיסעמיטיזם, „ניט אַריינמישנדיק" דעם פאַשיסטישן רעזשים. דערמיט האָבן די ציוניסטן אויסגעפילט זייער פונקציע אַלס מיטהעלפער פון פאַשיזם, פון נאַציזם. נאָר די קאָמוניסטן גיבן אַ ליניע פון אַקציע: קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם מוז זיין — קאַמף קעגן רעאַקציע, קעגן קאַפּיטאַליזם, פאַר אַרבעטער־מאַכט. נאָר די קאָמוניסטן באַגעגענען דעם אַרויסרוף פון די נאַצים, מאָביליזירן די מאַסן צו דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסט־מיטינגען, דרינגען אַריין אין טעריטאָריעס, וואָס די פאַשיזירטע פּאָליציי „באַשטימט" פאַר די נאַצים (ווי די יאָרקוויל געגנט, אין ניו־יאָרק). און נאָר די קאָמוניסטן שמידן אויס דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף אַף אַן אינטערנאַציאָנאַלן באָדן — צוזאַמען מיט די דייטשע און אַמעריקאַנישע אַנטי־פאַשיסטן, צוזאַמען מיט די פאַרפאָלגטע נעגער־מאַסן.

נאָר דער פאַראייניקטער פראָנט פון אַלע אַרבעטער, בשותפות מיט די פאַרמער און אָרימע קליינבירגער וועט מאַכן אַ סוף צו פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. נאָר די פאַרשטאַרקונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אירע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, איר פּרעסע, פאַרשטאַרקט די מאַכט, וואָס וועט אומברענגען דעם קאַפּיטאַליזם צוזאַמען מיטן פאַשיזם!

פאַראייניקטער פראָנט אין פראַנקרייך

אַפן געביט פון שאַפן דעם פאַראייניקטן פראָנט פון אַלע אַרבעטער, איז אין פראַנקרייך פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס מוז ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אַרבעטער אין אַלע לענדער.

דעם 15טן יולי איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דאָרט איז ענדלעך באַשלאָסן געוואָרן צו אָננעמען דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט קעגן פאַשיזם און מלחמה.

די פראַנצויזישע פּאַרטיי איז — נאָכן קראַך פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין דייטשלאַנד און עסטרייך—די גרעסטע פּאַרטיי פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער די פּאַרטיי איז געווען די ערשטע צו ברעכן דעם באַשלוס, אַז וועלכן אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איינגעשלאָסן די אַמעריקאַנישע, האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן — אַז פריער מוזן זיך דער צווייטער און דריטער אינטערנאַציאָנאַל צוזאַמענריידן צווישן זיך.

די פּאַרטייען האָבן זיך געמאַכט ניט וויסנדיק דערויף, וואָס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט געענטפערט אַף דעם פאָרשלאַג, וואָס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט געמאַכט דעם 6טן מערץ, 1933. אַלע פאָרשלאַגן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָ־

נאַל און פֿון די אָרטיקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין פֿרילינג פֿון 1933, האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ טויבער וואַנט.

איצט איז די וואַנט געבראָכן. די גרעסטע פּאַרטיי פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז איינגעגאַנגען אַף אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט.

טאַקע ווייל זי איז די ג ר ע ס ט ע, ווייל זי האָט מאַסן הינטער זיך. די מאַסן האָבן אויסגעאיבט אַ געוואַלדיקן דרוק. די מאַסן האָבן דערזען די גרויסע געפֿאַר פֿון פֿאַשיזם און זיי האָבן גענומען שליסן צווישן זיך אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט ניט געקוקט אַף ־עם, וואָס די פֿירערשאַפֿט זאָגט און טוט. אין פּאַריז, מאַרסעל, יאָן און אַנדערע שטעט האָבן די אָרטיקע קאָמיטעטן פֿון דער ס. פּ. עשלאָסן אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט און אָפּגעהאַלטן ריזיקע דעמאָנ־סטראַציעס צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן נאָך איידער די הויפּט־פֿירערשאַפֿט איז איינגעגאַנגען אַף דעם.

דאָס לערנט אונז, ווי אַזוי די מאַסן קאָנען ו ו י ר ק ן אַף זייערע פֿירער, ווען יענע ווילן ניט איינגיין אַף אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט. אין אַמעריקע איז עס די אויפֿגאַבע פֿון די מיטגלידער פֿון דער סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי, פֿון אַרבעטער־רינג, פֿון די רעכטע יוניאָנס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס מיט אַרבעטער־עלעמענטן, צו פֿאָדערן פֿון דער פֿירערשאַפֿט צו איינגיין אַף די פֿאָרשלאָגן פֿון די קאָמוניסטן פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט, אַף אַ פּראָגראַם פֿון אַקציע קעגן פֿאַ־שיזם, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן אימפּעריאַליסטישער מלחמה, פֿאַר די טאָג־טעגלעכע אויסבעסערונגען פֿון די אַרבעטער.

דער פֿאַשיזם האָט געקראָגן אַ קלאַפּ

דער פֿאַשיזם האָט געקראָגן אַ קלאַפּ אין פֿראַנקרייך — אין דער צייט ווען ער האָט געקראָגן אַ קלאַפּ אַף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַס־שטאַב, דורך די בלוטיקע געשעענישן אין דייטשלאַנד דעם 30טן יוני.

ע ס ה ו י ב ט אָ ן ט אָ ג ן א י ן ד י י ט ש ל אַ נ ד. עס ווערן נאָך אונטערדריקט די מיליאָנען, עס מאַטערן זיך נאָך אין די קאַזעמאַטן די הונדערטער טויזנטער, עס פֿאַלן נאָך קעפּ פֿון קאָמוניסטן אונטער דער האַק פֿון היטלער־הײנקער. אָבער דאָס בלוט פֿון די העלדן רופֿט, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועקט, איר העלדישע אַרבעט ברענגט פּרוכט. עס טרייסלען זיך די זיילן פֿון היטלער־רעזשים. מיר שטייען פֿאַר גרויסע געשעענישן אין דייטש־לאַנד. דאָ איז ווידעראַמאָל באַשטעטיק געוואָרן די ליניע פֿון קאָ־מוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

זינט דעם 30טן יוני, ווען היטלער האָט דערמאָרדעט זיינע שותּפֿים — רעם, היינעס און די אַנדערע, ווען די נאַצי־פּאַרטיי האָט געקראַכט, ווען עס איז קלאָר געוואָרן וואָס עס טוט זיך הינטערן פֿאָר־האַנג פֿון היטלער־רעזשים, האָבן שוין אפֿילו די וואָס האָבן פֿריער גערעדט וועגן אַ „קליינבירגערלעכער דיקטאַטור אין דייטשלאַנד”, וועגן „אויפֿשטאַנד פֿון די פּויערים”, אָדער פֿון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, אָנגעהויבן צוגעבן, אַז די אמת׳ע באַלעבאַטים פֿון דעם היטלער־

רעזשים זיינען די קרופס, די טיסענס און די אַנדערע דייטשע מאַג־נאַטן. אַלע מוזן שוין איצט צוגעבן, אַז פאַשיזם איז אַן אינ־סטרומענט פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

אין זינען מוז מען האָבן, אַז דער אויפריים פון דער נאַצי־פּאַרטיי איז געקומען צוליב דעם קאַמף פון די מאַסן. די וואַלן אין די „פּאַרטרויענס־ראַטן" אין די דייטשע פאַבריקן, וואָס זיינען פאָר־געקומען היינטיקן פרילינג (1934) האָבן געגעבן די נאַציס אַ געוואַל־דיקע מפּלה. די נאַצי־קאַנדידאַטן האָבן אין פיל גרויסע פאַבריקן געקראָגן אַזוי ווייניק ווי פון 10 ביז 20 פּראָצענט שטימען, בעת פון 80 ביז 90 פּראָצענט אַרבעטער האָבן געשטימט קעגן די נאַציס — דורך אָפּהאַלטן זיך, דורך קאַליע מאַכן באַלאָטס, דורך אָפּן שטימען „ניין", אָדער גאָר דורך אויפשרייבן: פאַר דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי! פאַר טעלמאַן! און אַז. וו.

די אָפּשטימונג איז געווען נאָר איין אויסדרוק פון אַ סך — פון די שטימונגען צווישן די אַרבעטער, אַ דאַנק דער העלדישער אַנטי־פאַשיסטישער אַרבעט אין דייטשלאַנד, ניט געקוקט אַף לעבנס־געפאַר. אָט־די העלדישע אַרבעט, וועלכע וועט סוף כל סוף מאַכן אַ סוף צו היטלער'ס הערשאַפט, דאַרף אונז דינען ווי אַ מוסטער.

עס הויבט אָן טאָגן אין דייטשלאַנד. דער פאַשיזם איז פון אָנגריף אַריבער צו פאַרטיידיקונג. די לאַגע האָט זיך שאַרף געענדערט. דער אָנהויב פון דער פאַנאַנדערפאַלונג פון דעם פאַשיזם אין דייטשלאַנד האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויך אין אַנדערע לענדער. דאָס איז געווען די סיבה פון דעם ריס, וואָס איז געקומען צווישן דעם פאַשיסטן־פירער מאָוזלי און דעם פרעסע־מאַגנאַט ראָטערמיר, וועלכער האָט אים ביז יולי (1934) געשטיצט.

די רעדע וואָס היטלער האָט געהאַלטן פאַרן רייכסטאַג דעם 13טן יולי איז געווען די ערשטע פּאַרטיידיקונגס־רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן זינט ער איז געקומען צו דער מאַכט. דער נאַציזם האָט געליטן אַ טיפן בראָך. ער האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ. און גראַדע דערפאַר מוז מען ערשט פאַרשטאַרקן דעם אָנגריף, צע־שמעטערן די פאַשיסטישע כּוחות, דערשלאָגן דעם פאַשיזם ביז טויט.

פאַשיזם און טעראָר קעגן „פרעמדע" אין סאַן פראַנציסקאָ

דער קראַך פון נאַציזם אין דייטשלאַנד טאָר אָבער בשום אופן קיינעם ניט פאַרבלענדן פאַר דער געפאַר פון פאַשיזם בכלל, אין אַזאַ פאָרם אָדער אַן אַנדערער, פאַר דער געפאַר פון אַן אָפענער ברוטאַלער קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור, פאַר דער געפאַר פון פאַר־שטאַרקטן טעראָר. דער קאַפּיטאַליזם האָט ניט קיין אַנדער וועג ווי צו פּרובירן אָנהאַלטן זיין מאַכט, זיינע פּראָפיטן, ווי דורך פאַרשטאַרקטן טעראָר. די שטייגנדיקע כוואַליע פון סטרייקס, — און סאַן פראַנציסקאָ, טאָלידאָ, מינעאַפּאָליס, מיל־וואָקי, זיינען געווען נאָר מוסטערן פון דער כוואַליע — מוזן צווינגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אַרויסצוטרעטן נאָך ברוטאַלער, נאָך בלו־

טיקער. די „ווידזשילענטס“, וואָס האָבן פּאָגראָמירט די העדקוואַרטערס פון דער מאַרין וואָרקערס אינדוסטריעלער יוניאָן אין סאַן פראַנציסקאָ, פון דער קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאציעס, פון דער „איי־דאָבעליו־דאָבעליו“, זיינען אין דער זעלביקער צייט אויך געווען אַ מוסטער פון פאַשיסטישע באַנדעס, האָבן געגעבן אַ מוסטער פון פאַשיסטישן טעראָר.

אין סאַן פראַנציסקאָ זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען מיט דער הילף פון דער רעגירונג — ווי אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי אין איטאַליע און דייטשלאַנד. הינטער די פּאָגראָם־באַנדעס איז געגאַנגען די פּאָליציי, איז געשטאַנען דאָס מיליטער. די באַנדעס זיינען באַשיצט געוואָרן. און ווען זיי האָבן אָפּגעטאָן זייער אַרבעט, האָט די פּאָליציי אַרעסטירט די פּאָגראָמירטע, די באַפאַלענע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ העצע קעגן די „פרעמדע“ — ווי אַם צאַריזם קעגן די „אינאָראָדצעס“, ווי אין דייטשלאַנד קעגן די ,ניט־אַריער“. די העצע איז געפירט געוואָרן פון ר ו ז וו ע ל ט'ס מענטשן. גענעראַל דזשאַנסאָן, דער נ.ר.א. דיקטאַטאָר, וועלכער האָט אין דעם ערשטן טאָג פון גענעראַל־סטרייק אין אַ רעדע געשריען, אַז דער סטרייק איז „בלוטיקע פראָוואָקאַציע“, האָט געהאַלטן נאָך רעדע נאָכן סטרייק, אין וועלכער ער האָט אָפן גערופן מען זאָל עפּאָרטירן די „פרעמדע“, — בכלל די „פרעמדע“, וועלכע נעמען, הייסט עס, צו די אַרבעט פון די היגע!

דאָס האָבן מיר ווידער דערזען דאָס פּנים פון דער נ.ר.א. — לויט די ליניעס, ווי מיר האָבן זי מיט צוויי קאַפּיטלען פריער אַנאַליזירט. דאָ האָבן מיר געהערט ווערטער, וואָס מען הערט פון די פאַשיסטן אומעטום — אַז די „פרעמדע“ נעמען צו די אַרבעט פון די „עכטע“ בירגער.

איבערן גאַנצן פּאַסיפישן ברעג טראָגט זיך אַ כוואַליע פון טעראָר קעגן קאָמוניסטן און אידן. די אַרויסטריטן אין סאַן פראַנציסקאָ און איבערן גאַנצן פּאַסיפישן ברעג האָבן קלאָר באַוויזן, וואָס מען קאָן דערוואַרטן איבערן גאַנצן לאַנד.

וואָס העכער עס הויבט זיך די סטרייק־כוואַליע, וואָס העכער עס שטייגט די אומצופרידנקייט פון די מאַסן, וואָס מער די מאַסן ווערן רעוואָלוציאָניזירט און ווילן ווייטער ניט אָנגיין אַזוי ווי ביז איצט, אַלץ מער וועט זיך דער קאַפּיטאַליזם מוזן נעמען צו אָפענע טעראָר־מיטלען און אַלץ מער וועט ער נעמען צוהילף די פאַשיסטישע באַנדעס.

דימיטראָוו האָט געוויזן דעם וועג

אָט־דאָס מוז זיין קלאָר פאַר יעדן אַרבעטער, פאַר די אַלע וואָס האָבן נאָר צו פאַרלירן פון פאַשיזם, איינגעשלאָסן די קליינבירגער, פאַרמער, אינטעלעקטואַלן, אַף וועמען דער פאַשיזם זוכט אָנצוטאָן קייטן, ווי אַף די אַרבעטער. דאָס מוז באַזונדערס זיין קלאָר פאַר די

„פרעמדע", פאַר די אידישע מאַסן, פאַר די נעגער־מאַסן, אַף וועמען דער שווערד פון פאַשיזם וועט זיך אַראָפּלאָזן צום שטאַרקסטן.

אָט־די אַלע מוזן געדענקען, אַז דער איינציקער וועג ווי צו ראַטעווען זיך פון פאַשיזם איז — פ אַ ר מ י י ד ן פאַשיזם. און דער איינציקער וועג צו פאַרמיידן פאַשיזם און — אָרגאַניזירן זיך אַרום דעם פאָן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, פאַרשטאַרקן וואָס מער די רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, די אַרבעטער־קלובן, די פרויען־קאָונסילס, דעם „אַי־קאַר" — אַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען פאַראייניקט אין דעם אַנטי־פאַשיסטישן פראָנט.

ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל: קעגן פאַשיזם איז דאָ איין קראַפט וואָס וועט אים פאַרניכטן, איין טויטלעכער שונא זיינער — דער ק אָ מ ו נ י ז ם.

קעגן היטלער'ס הויפּט־היינקער, גערינג, האָט זיך אַרויסגע שטעלט ד י מ י ט ר אָ ו, דער מיטגליד פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. קעגן היטלער'ן שטייט אין דייטשלאַנד — ט ע ל מ אַ ן, אַן אַנדער מיטגליד פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, דער פירער פון דער העלדישער קאָמוניסטישער מאַסן־פאַרטיי, וואָס גרייט צו דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דער אָרט פון אַלע אַנטי־פאַשיסטן איז אונטער דער פאָן פון ד י מ י ט ר אָ ו ו און ט ע ל מ אַ ן, ל ע נ י ן און ס ט אַ ל י ן, די פאָ מיטן סערפּ און האַמער!